דער קולטור־קאָמיטעט פון דער בריטישער סעקציע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס
צוזאַמען מיט דער גאָלדערס־גרין בראַנטש

## לעבעדיקע צייטונג

### וועט פאָרקומען

**זונטיק, דעם 25־טן נאָוועמבער, 1956**, 3 אַזייגער נאָכמיטאָג

**אין זאַל פון דער גאָלדערס גרין סינאַגאָג, דאָנסטאָן רויד,**
פינטשלי רויד, ביי גאָלדערס גרין סטיישאָן

אונטער דער רעדאַקציע פון **יוסף פרענקעל**

פראָגראַם:

1. לייט־אַרטיקל ............ דער רעדאַקטאָר
2. דער פרעזידענט פון מדינת ישראל ............ ש. גאָלדשמידט
(צו זיין געבורטסטאָג דעם 24־טן נאָוועמבער)
3. מנשה בן ישראל און די מזרח־יידן ............ יהושע פאָדראָ
4. 80 יאָר יידיש טעאַטער ............ ש. י. האַרענדאָרף
5. די אַנטהילונג פון מאָנומענט פאַרן אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער אין פאַריז ............ מ. זילבערבערג
6. די ראָלע פון ארץ ישראל אין דער יידישער געשיכטע
ד״ר רפאל מאהלער.

### קומט אין צייט

פריינט פון יידיש לשון

**שבת**, דעם 8־טן **דעצעמבער**, 7.30, אין אַדלער האָל, אַדלער סטריט, א.1

## א גראַנדיעזער חנוכה אוונט

### ביי געדעקטע טישן

רעציטאַציעס, געזאַנג און מוזיק. באַוווסט קינסטלער. איינטריט 3ש. 6פּ.

„פריינט פון יידיש לשון“—וועסט ענד בראַנטש

**זונטיק, דעם 9־טן דעצעמבער**, 4 אַזייגער

אין דיען סטריט שול, דיען סטריט, וו.1

## א חנוכה פייערונג

ביי געדעקטע טישן. רעדעס, רעצענזיעס און געזאַנג. איינטריט 2 שילינג

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 12־11 (העפט 3־302) זיבעצנטער יאָרגאַנג נאָוועמבער־דעצעמבער 1956 לאָנדאָן

## רבים ביד מעטים וטמאים ביד טהורים

דער גאַנצער יידישער געראַנגל, דער גייסטיקער ווי דער פיזישער — און נישט נאָר אין גלות! — איז דאָס זיך אַקייגנשטעלן נישט אַרונטערצופאַלן אונטער פרעמדע איינפלוסן. דער מכבי־פאָרמול „מי כמוך באלים ה׳“ איז דער שטאָלצער רוף נישט בטל צו ווערן פאַר קיינעם און טראָגן שטאָלץ דעם אייגענעם כאַראַקטער, די אייגנאַרטיקייט פונם אייגענעם איך — פונם אנכי!

און חנוכה איז דער יום־טוב פון אָט־אָ דעם זיג, פון „רבים ביד מעטים וטמאים ביד טהורים“ — עס איז דער נצחון איבער דער אַסימילאַציע! דאָס נידריקע פון אַסימילאַציע איז נישט נאָר וואָס אַ מינדערהייט ווערט ברוטאַל אויפגעפרעסן פון אַ מערהייט, עס איז דאָס „בטל בששים“ ווערן פון יחיד. זיין מאַזאָכיסטישע הנאה צו ווילן ווערן אויפגעפרעסן פונם שטאַרקן—צו ווערן אַ טייל פון אים! און פאַרלירנדיק דעם אינערלעכן איך, צעברעקלט זיך דער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פון פאָלק, זיין דור־דורותדיקע אויפגעבויטע פאָרעם.

און דאָס איז דער אייגנטלעכער אונטערשיד צווישן נוסח און רעפאָרם! נוסח איז ווילן זיך געפינען, זיך דערגריבלען צום אייגענעם אויסדרוק, און רעפאָרם איז זיך ווילן צופאַסן צו יענעם — ווערן כאַראַקטער־לאָז! אַ שאָטן וואָס בייגט זיך און קנייטשט זיך פון יענעמס אַ ריר.

און דאָס איז דער כאַראַקטער־שטריך פון יעדן עכטן! אין מענטשלעכן, אין שעפערישן און אין פאָלקישן. אָן דעם שטיקל אייגענעם אייגנאַרטיקן איז דער איך נישט קיין איך און דאָס שאַפן קיין שאַפן און דאָס פאָלק — נישט כדאי זיין גאַנצע עקזיסטענץ! עס איז דער געראַנגל פאַר דעם „מי כמוך“ — — — ווער איז דיין גלייכן און ווער קאָן זיך גלייכן צו דיר!

אין אַלע אונזערע עפּאָכעס איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף פאַר אונזער כאַראַקטער עקזיסטענץ. אַ סוד־הצימצומדיקע גייסטיקייט, אַן אין־סופיקער אחד־באַגריף צווישן געטער־רעליגיעס; אַ קולטור פון מאָראַל, פון אינערלעכע פשטות צווישן ציוויליזאַציעס פון פיזיש געפאָרעמטע אויסערלעכקייטן. ריזיקע פעלקער, געפאַנצערטע און אויף רייטוועגן, מיט בבל־טורעמס מיט גאָטישע קלויסטערס, און מיר, אַ קליין פעלקל צווישן בערג ביים אַקער־אייזן, אָדער אין געטאָ אונטערן בית־המדרש אויוון. אָבער ווי העראָאיש איז ער געווען דער קאַמף פון די „מעטים“ און „טהורים“; ווי עקשנותדיק און מסירת־נפשדיק דער געראַנגל פון אַ מינדערהייט. אויף יעדן טריט און שריט גדרים און מחיצות אויפשטעלן — כינעזישע מויערן! דעם גאַנצן גוף מיט מצוות געפאַנצערט — דאָס גאַנצע בלוט פאַרלירן, נאָר איין טראָפן נישט צו פאַרמישן.

און אַזוי דור נאָך דור און עפּאָכע נאָך עפּאָכע.

אין אַלע דורות איז דער קאַמף געווען אַ העראָאישער! גרויסע קולטור־פעלקער אַרום אונז — איין כאַראַקטער שטייט שטאָלץ קייגן צווייטן! עס דערקענט איינער דעם צווייטן. סיטרא־אחרא קייגן סיטרא קדושה! גרויסע געגנגעזעצטע קולטורן: נאַטור־כוח און געטלעכער געזעץ. און אפילו די אַסימילאַציע אין ערשטע דורות און אין אַמאָליקע עפּאָכעס — — אחר און רבי מאיר זיינען צוויי שטאָלצע מענטשן. צוויי נוסחאות. רבי מאיר באַגלייט אחר׳ן, ער גיט אים אָפּ זיין כבוד בשעת יענער רייט שבת אויפן פערד. און אחר ווידער דערמאָנט רבי מאירן, אַז ער זאָל נישט אַריבער דעם תחום. דאָס אַסימילירן זיך מיט גרויסע קולטורן, ווערן איינס מיט זיי, איז אַמאָל נוסח אין כאַראַקטער — אַן אַנדערער, אַן אחר . . .

אָבער די אַסימילאַציע אין פאָלק גופא, דאָס זיך העלעניזירן, זיך רעפאָרמירן—די כיתה פון „מתיוונים״!—הייסט ווערן אַ פאָלק פון „לאָקשן און יויך״, אַ וואַסערדיקס, אַ פרנסה־זוכנדיקס, אומעטום „אַ האַנט״ צו זיין. אַ פאַרגרעבט פאָלק אָן אייגענעם נוסח, אָן פעסטער פאָרם — פון צעקראָכענע יחידים און „געשפּאָלטענעם״ כאַראַקטער!

אַ פאָלק אָן וויטאַליטעט, אָן אייגנאַרטיק גייסטיקן אויסדרוק, אָן שעפערישן נוסח, זיינען אַ געזעמל פון יחידים אָן אייגענעם איך, אָן מאָראַלישע ענערגיע — מען וויל רק עפּעס אַריינכאַפּן זיך צו דערקוויקן! פון יענעמס טיש, פון אייגענעם? אַז דער גייסטיקער אינערלעכער איך איז נישטאָ, בלייבט דאָך נאָך איבער עפּעס אַ בינטל וואָס רעגירט נאָך קוים אויף פיזישע רעפלעקסן.

דער אמתער גוי, דער אַריער, דער אַנטיסעמיט פילט שוין באמת גאָרנישט, ווען ער הרגעט אַזאַ נפש. וואָרים באמת וועמען האָט ער דען געהרגעט. עפּעס האָט ער צעקוועטשט צווישן די פינגער אַזוינס און ער ווייסט נישט וואָס... עפּעס אַזאַ פּיש געפּילעכץ!

דער יום־טוב פון חנוכה איז דער מכב״י־נצחון איבער אָט־אָ די „מתיוונים״. דער פּאַראָל פון „מי כמוך באלים ה׳״ צו באַהיטן מיט פייער און מיט פלאַם די אייגענע אייגנאַרטיקייט, דעם ספּעציפיש געפאָרעמטן נוסח, דעם פאָלקס־כאַראַקטער צווישן די פעלקער. נישט צו זיין דאָס שטילע וואַסערל צו זייערע פיס, בטל צו ווערן פאַר דער ברוטאַלער זיך שפּיגלענדיקער מאַכט, נאָר צו טראָגן מיט ענערגיע, מיט התלהבות דעם ברענענדיקן פאַקל איבערן קאָפּ אַזוי אַז יעדער פנים־שטריך זאָל זיך בולט און שטאָלץ באַווייזן, זיך פאַרטיפט אַנזען — זאָל נתגלה ווערן!

אויב מיר האָבן שוין די שטריכן פון אונזער פנים אַרויסגעאַרבעט מיט די הדרת־פנימער פון אונזערע חומש־פּאַטריאַרכן, אויב מיט די געזעצן פון דער תורה און מיט רייד פון נביאים האָט זיך נתגלה געווען אונזער כאַראַקטער, האָבן מיר ערשט מיט די מכבי״ם באַקומען אונזער פעסטע פאָרעם. פאַר אונזער שעפערישקייט און קולטור — אינם געראַנגל פאַר אונזער תוך פאַר אונזער אייגנאַרטיקייט האָט זיך אונזער כאַראַקטער אויסגעפורעמט.





דוד בן־גוריון
געוואָרן פאַרגאַנגענעם חודש אַ
בן־שבעים.



משה דיין



יידישע גבורים מיט זאַקרויב

דוד בן גוריון

## דער גורל פון פאָלק און דער גורל פון זיין ספר

די ראָלע פון ר׳ יוחנן בן זכאי און די ראָלע פון ר׳ עקיבא

...רבי יוחנן בן זכאי, וואָס האָט געבעטן ביים רוימישן דעראָבערער יבנה וחכמיה, האָט אפשר אַזוי אַרום געראַטעוועט דעם קיום פון פאָלק ישראל, אויסגעשמידט זיין גייסט כדי צו קאָנען אויסהאַלטן די מאַטערנישן און צרות וואָס האָבן אונז באַגלייט אויפן וועג פון אונזערע לאַנגע, פיל־צאָליקע וואַנדערונגען. אָבער דער גרעסטער צווישן די תלמידים פון רבי יוחנן בן זכאי, רבי עקיבא בן יוסף — די גרעסטע געשטאַלט אין יידנטום נאָכן חורבן — האָט זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיט יבנה און אירע תלמידי חכמים. ער האָט זיך באַטייליקט אין בר־כוכבאס אויפשטאַנד, כדי צו באַנייען די אומאָפהענגיקייט פון ישראל. און ווען אויך דער דאָזיקער פאַרצווייפלטער פרווו איז דורכגעפאַלן, איז דאָס יידישע פאָלק געוואָרן אַן עם הספר.

...דער גורל פון ספר איז געווען ווי דער גורל פון פאָלק: דער גרויסער און אייביקער ספר, וועלכער דערציילט מיט וווּנדערלעכער קונסט די געשיכטע פון אַ יונגען און גאונישן פאָלק וואָס האַלט אין געשאַפן ווערן, זיינע אינערלעכע געראַנגלען און גייסטיקע ראַנגלענישן, זיינע שווערע צוזאַמענשטויסן מיט אויסערלעכע כוחות און פרעמדע איינפלוסן; דער ספר וואָס פאַרקערפּערט די שטרעמונגען, די געדאַנקען און וויזיע פון דאָזיקן פאָלק, ווי זיי האָבן זיך אָפּגעשפיגלט אין די רייד פון זיינע נביאים און דיכטער; וועלכער זאָגט אָן דער מענטשהייט רעליגיעזע און מאָראַלישע אמתן, וואָס זייער ליכט וועט קיינמאָל נישט פאַרטונקלט ווערן; איז כולל דברי חכמה, באַטראַכטונגען, השתפכות הנפש — וואָס ווינציקע זייערס גלייכן זיינען פאַראַן אַזעלכע אין דער וועלט־ליטעראַטור — אויך ער, דער ספר, איז געוואָרן אַרויסגעריסן פון דעם באָדן אין וועלכן ער איז געווען פאַרפלאַנצט, געצויגן זיין חיות. ער איז צוזאַמען מיט זיין פאָלק פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ מאַטעריעלן און גייסטיקן געטאָ.

...צוויי טויזנט יאָר זיינען געשריבן געוואָרן פירושים און פירושי־פירושים אויפן ספר יהושע; קיינער וועט נישט מזלזל זיין אין זייער ווערט.

...אָבער דער פירוש וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויפן דאָזיקן ספר אין די שלאַכטן פון דער באַפרייאונגס־מלחמה, און דאָס ליכט וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אויף אונזער עבר דורך דער באַנייאונג פון אונזער אומאָפּהענגיקייט — קעגן דעם דאָזיקן פירוש און דעם דאָזיקן ליכט, וועלן בלאַס ווערן אַלע יידישע און נישט־יידישע פרשנים.

נאָר אַ פאָלק וואָס לעבט אין זיין לאַנד און איז זעלבסטשטענדיק, קען לייענען מיט אָפענע אויגן און מיט אינטואיטיווער פאַרשטענדעניש דעם ספר הספרים, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יענעם לאַנד און דורך יענעם פאָלק. נאָר אַ דור וואָס האָט באַנייט די זעלבסטשטענדיקייט אין אוראַלטן היימלאַנד, קען פאַרשטיין דעם גייסט און די נשמה פון זיינע פאָרגייער, וועלכע האָבן געקעמפט, דעראָבערט, געשאַפן, געליטן, געטראַכט, געזונגען און ליב געהאַט —



א. נ. שטענצל

## „בימים ההם ובזמן הזה"

1

האָט ער איצט דעם „גאָרדאָן־קניפּ" אַדורכגעהאַקט,
אָדער זיינען מיר אַליין שוין אַצינד דער קניפּ?
„גאָט פון די קדושים, פלאָנטער אַרויס אונז" — —
גיט עס טיף אין האַרץ אַזאַ צאַפּלדיקן כליפּ.

קאָן מען דען געטרויען די „כל הגויים",
און אונז אַליין, ווען מ׳ווילן ווי זיי אַזוי זיין?
„גאָט פון די קדושים, פלאָנטער אַרויס אונז — —"
פאַרקנייפּט זיך האַרץ אין געוויין און האַלט זיך קוים איין.

אַז אין גאַז־קאַמער אַריין נ׳קרעמאַטאָריום
זיי האָבן אונז געטריבן פון גלות אַרויס,
קאָן מען נאָך געטרויען די כל הגויים?
און אַצינד, אַז די שרעק אין האַרץ איז אַזוי גרויס!

צי איז דען נישט בעסער אין ים געטריבן,
ווי צוריק צו די פעלקער אין גלות צו גיין?
„גאָט פון די קדושים, פלאָנטער אַרויס אונז — —"
רייסט זיך פון האַרצן אַרויס אַזאַ שטיל געוויין.

2

איין אויג געשלאָסן צום צילן גרייט,
ווי דוד מיט זיין שנעלן שליידער־שטיין,
ווי איין מענטש די ישראל־אַרמיי שטייט.

איז עס קול אדוני, איז עס קול העם?
פון תהום אַרויסגעריסן האַרץ,
איז ציל־געשליידערטער אָטאָם —

צעשפּליטערט, צעשפּאָלטן אונזער שטאַם
און דער וואָרצל אונטערגעבראָכן,
גאָט, דאָס מאָל האַלט אונז צוזאַם.

און גלייך אינם מעשענעם שטערן אַריין
און געטראָפן פונקט אינם ציל,
ווי דוד מיט זיין שנעלן שליידער־שטיין.

3

ברענענדיקער בליק אויפגעריסן ווייט,
די מאַמע רחל פאַר איר קבר שטייט:
מיינע קינדער, וואַהין אין דער נאַכט?
„נישט אין גלות — מיר ציען אין אַ שלאַכט,
צוזאַמען מיט אונז דו זאָלסט זיין באַפרייט".

נידריקער זי ציט דעם שלייער אַראָפּ,
און נאָך טיפער איר צניעותדיקן קאָפּ:
זאָלן זיי נישט זען די טרער אין מיין בליק.
„ווען ווידערקערן מיר וועלן צוריק,
ס׳וועט נישט פעלן פון אונזער בלוט קיין טראָפּ“.

ווי אַזוי, מיינע קינדער, ווי אַזוי,
קאָן זי שוין נישט איינהאַלטן מער איר אוי:
איז מעגלעך אַז אַזוינס זאָל קאָנען זיין?
„ווייל מיר ציען נישט אין גלות אַריין,
פאַר איין טראָפּן בלוט פון ייד, אַ טראָפּ פון גוי“ — — —

בלייבט מאַמע רחל פאַר איר קבר שטיין:
אַ בלוט פאַרגיסן מיינע קינדער גיין
זייערס, יענעמס, וואָס פאַר אַן אונטערשיד — —
און ווי דעמאָלט איר „קול ברמה“־ליד,
צערייסט דעם הימל איר מאַמע־געוויין.

4

צעשטערן קאַירא, אַלעקסאַנדריע
און טויזנטער מענטשן מיט זיי צוזאַם?
גרעסער ווי די „אז ישיר“־שירה,
דאָס געוויין: „מעשי ידי טבעו בים“ —

יעדער געפאַלענער מענטש לאָזט אַ מאַמע,
צי גאָר אַ ווייב, אַ יתומל אַ קינד — —
אָבער ס׳האַרץ מוז זיך דאָך אַמאָל שטילן,
שמשון, נישט נאָר פון ליבע — פון נקמה בלינד!

זע, אַ ייִנגל פון קעמפּ אונזערס אַ מאַטראָז,
איינגעברענטער נומער אויף האַנט טעטואירט,
אַ געפּאַנצערט שיף מיט געפאַנגענע,
זאַק־רויב זינגענדיק אין האַפן אַריין פירט.

אויפגעפּויקט דאָס געזאַנג פון „כי גאה גאה“,
אויף פּייקל פון קינדישע הויטן געשפּאַנט!
דאָס גאָלדענע ציגעלע אינמיטן ראָד,
ס׳טאַנצן אַקסל ביי אַקסל און האַנט אין האַנט,
גאָט מיט אַ תימנער ייד אין הייליקן לאַנד.

5

אַזוי פיל אַש אַז איין פונק זאָל טליען בלייבן,
און וויפיל אָטעמס אַז אויפפלאַקערן דער פלאַם;
מיט אַ ים בלוט פאַרקנאָטן דאָס שטיקעלע ערד,
צוריק צו פאַרפלאַנצן אויסגעוואָרצלטן שטאַם.



„עם ישראל חי“, יאָ, עס איז אַלצדינג כדאי,
געליטענע צרות צו דערציילן אין פרייד;
זע, ווי בימים ההם און בזמן הזה,
יעדער פון אונז, „פון פלאַם געראַטעוועטער שייט“ —

פון נאָנט און פון ווייט פון אַלע ארבע פינות,
איבער די שבעה־ימים מיטן לעבן קוים:
מיט שווייס צו עסן דאָס ברויט פון אייגענעם פעלד,
און טרוימען אונטערן וויינשטאָק און איילבירט־בוים — — —

נישט אין אַ ים געשפּרונגען ביז איבער דער קני —
אין אייגענעם בלוט מיר שטייען שוין ביז צום האַלז!
ווי ס׳פאָכעט די נשמה איבער לעצטן פונק,
אַז אין פריידן ווידער צו דערציילן פון אַלץ.

6

אויף יענעם באַרג ווו שמשון הגבור
האָט אַרויפגעטראָגן די עזה־טויערן,
אַרויסגעריסן מיט ריגל און בייִשטידל,
זיצט ער איצט נאָך דעם אָפּגעטוענעם,
ווילעריש אונטערפּייפנדיק שטיל אַ לידל.

איין אויג האָבן זיי מיר שוין אויסגעשטאָכן,
אָבער דאָס צווייטע זעט דערפאַר בעסער!
אָדער איז עס דייקא, דווקא דאָס בלינדע,
דאָס אַריינצילנדיקע טיף אין מיר,
דאָס אויסגערונענע אונטער דער בינדע?

איז נישט דאָרטן, מיט די הענט אָנצוטאַפּן,
דער „ראש ההר אשר על פני חברון“?
בלייבט ער זיצן ווי פאַרשטיינערט אַ ווײַלע:
איך שווער ביי מיין געבליבענעם זעעוודיקן,
מיר וועלן בלייבן אַן אומה שפילה,

אַ פאָלק מיט אויסגעשטרעקטע בעטלער הענט
ציטערדיקע, שקלים רק ציילנדיקע,
אַ פאָלק מיט דער אייביקער פאַטשיילע,
אויב מיר וועלן נישט צוריקנעמען אַצינד,
מיט די אייגענע הענט, די מערת־המכפלה.

7

עס דערמאָנט דעם שעפעלע־משל פון נביא!
ווי אַזוי אַנדערש איז דאָס־אָ צו באַגרייפן:
אַזאַ גרויסע וועלט, אַזאַ רחבותדיק ברייטע,

און נישט צו פֿאַרגינען אונז דעם שמאָלן „שטרייפֿן"?
אָ, אַז דער שונא שאַרפֿט די שווערדן אין עזה,
הערט מען אין אַלע אונזערע שטעט דאָס שלייפֿן.

יאָ, פֿאַרוואָס הייסט זי דען די שטאָט עזה, עזה?
ווייל דאָרטן האָט מען שמשונען אויסגעשטאָכן
זיינע „עזה כמות אהבה"־אויגן — — —
די נקמה ווען די זיילן אונטערגעבראָכן!
פֿון זיין געשריי „תמות נפשי עם פלשתים",
ס'שוואַכסטע האַרץ נאָך מיט גבורה אויפֿצוקאָכן.

אַז אויפֿגעוואַכטע כוחות וועקן זיך אין האַרץ,
ווערט מען צוריק דאָס, וואָס אַמאָל מ'איז געוועזן;
מיט אַ דלאָט געבאָטן אין שטיינער צוקריצן,
אין אַלע צייטן מענטשן זאָלן זיי לעזן;
עס ווערן ווי וואָלקנס אין פֿעלזן צעריבן,
געבלאָזן פֿון „טעזן־אַנטיטעזן־סינטעזן.

עס וועט שוין נישט פֿיל העלפֿן די פֿאַלשע מיילער,
זיי מעגן זיי'רע צינגען ווי שווערדן שאַרפֿן;
ווי אַמאָל, „ירדו במצולות כמו אבן",
אַליין רייטוועגן אין ים אַריין זיך וואַרפֿן;
נאָר אַ כאַמסין־שטורעם אינם מדבר־סיני,
אַזאַ ליד אויף אונז'רע הערצער אויסצוהאַרפֿן.

8

אַז נישט בלויז דער יוזל — קאָזאַק הנגזל
נויטיקט זיך אויך שוין אין שעיר־לעזאזל;
סטאַלין, כולגאַנין? ס'איז שנאה „עז־יוזשל".

אָבער וואָס שוין דאָ אַ סך צו ברייען!
מילא, זאָלן זיי שיקן פֿריש כלי־זיין,
מיר קענען נאָך אַזאַ פֿאַרציע פֿאַרדייען.

קאָנען מיר קויפֿן, האָבן מיר מזומן?
וועלן מיר ווייטער אַהין דאָרטן קומען,
און נעמען ווי מיר האָבן גענומען.

און אַז ווייס־פֿאַרשטעלטע בערן־וואָלונטערן,
וועלן מיט אָנקומען מיט די געווערן,
פֿון רויט־אַרמעער אַראָמעער ווערן?
זיי וועלן מיט אַ מכה אַהיימקערן,
נישט מיט אַ לעניך־ — מיט פֿראָך ביז אין שטערן.



9

גאָלדן ציקעלע געפֿאָרן האַנדלען,
אַראָפּפֿאַרקויפֿט אַלצדינג ס'האָט שוין פֿון זיך;
געבליבן ביי הערנדל, ביי לעצטן
צו מאַכן דערפֿון דעם שופר־של־משיח.

נע־ונד גאָלדנט ציקעלע אַרום,
געטריבן און געיאָגט פֿון לאַנד צו לאַנד;
אומעטום האַלט ווער אַ האָרן זיינעם,
דעם שופר־של־משיח שוין אין האַנד.

אויב אָבער אָן דעם שעיר־לעזאזל
קיין שום פֿאָלק, דאָס שטאַרקסטע, נישט לעבן קען,
וועט דאָך ישראל, דאָס קליינע, שוואַכע,
אַלע פֿעלקער איבערלעבן — — ווי דען?

און אויב אַלע קלויסטערס קאַטעדראַלן,
וועלן איינפֿאַלן אָן דער כותל־וואַנד? . . .
איז דאָך אייביקער פֿון אַלע לענדער,
ארץ־ישראל דאָס הייליקע לאַנד.

10

דער ערשטער בלאַט צייטונג פֿאַר מיינע אויגן,
פֿון חומש אָן אַרויסגעריסן בלעטל;
קייגנאיבער מיר בלינצלט אַ גוי כיטרע,
און אויף לעצטער זייט זוכט אַ ייד אַ וועטל.

דער אַרצבישאָף נעבעך אין לאָרדן־הויז,
ער צערייסט זיך דעם יאַשטשיק פֿאַרן יושר,
און גייטסקעל אינם פּאַרלאַמענט צעזינגט זיך,
ווי אין „ווילנער בעל־ביתעל" משה אוישער.

צום בעסטן גרימירט פֿון דער גאַנצער חברה,
איז, דאַכט זיך, דער סילווערמאַן מיט זיין בערדל,
ער ווייסט שוין נישט אויף וועלכער באַנק ער זיצט.
ווי דער ייד, נעבעך, וואָס זעצט אויפֿן פֿערדל.

און אויב אויף אידנ'ס ברית נישט דער „וכרות",
מעג ער זינגען דערפֿאַר דעם „אלי אלי":
ישראל זאָל געבן אים צוריק דעם סועץ,
ווי פֿאַר 88 יאָר — דיזראַעלי.

11

זיי האָבן זיך מיטגעכאַפּט די מאָסלי־יינגען,
מיט דער שלום־טויב אויף טראַפֿאַלגאַר סקווער,
און די פֿאַרטריבענע טייבעלעך נעבעך,
פֿלאַטערן אין דער לופֿט אַהין און אַהער.

איינע האָט זיך אַרויפגעקריגן אין דער הויך,
אויפן נעלסאָן־קאָלום און וואַרקעט אַראָפּ:
„ס׳פאַרגלייזט די אויגן ממש ווי אַ טייבעלע“...
און לאָזט דעם רעדנער אויפן קאָפּ עפּעס אַראָפּ.

דער קאַרניוואַל ציט זיך פון דאָם צום ווייטהאָל,
און יעסיקאַ מיט אַ פּלאַקאַט — נאָ־שפּיץ!
אַ ישראל ביוטי טראָגט אים אויפן קאָפּ,
איר „לאָוו וואָר“, ווי דער כהן גדול דעם ציץ — — —

שיילאָקס אַנטאָני און דער אַנטאָני אידן,
„שני כתובים המכחישים זה את זה!“
איז געקומען, טאַקע, דער אַנטאָני נאַטינג,
איז דער טייטש גאַרנישט מיט גאַרנישט, ס׳איז — אַ־קעי.

12

ער וועט מסתם גיין דער סער אַנטאָני,
ווייל ער האָט בלויז אַ האַלבע אַרבעט געמאַכט,
וואָלט ער דעם גאַנצן קאַנאַל גענומען,
געווען ער וואָלט דער לעצטער וואָס לאַכט.
פון אַלע שיינע ווערטער דאָס שענסטע — מאַכט!

מיט אַ שירעם צופליען צו היטלערן,
שטייפן קאַפּעלוש ציען פאַר יעדן נאַר?
צומאָל דיפּלאָמאַטיע מוז געפירט ווערן,
מיט אַ לייטיש ברענענדיקן ציגאַר.
אויב אַ באָס מען פאַרשפּעטיקט — ערשט אַ קאַר!

דיפּלאָמאַטיע ביי גרין־געדעקטע טישן
ווערן מיט זיידענע הענטשקעס געמאַכט,
אָבער אין קריג צו גיין מיט סאַמעט לעטשלעך
און מורא האָבן זיי ווערן איינגעראַכט?
אַז סטראַטעג פרעגט: „מ׳מעג?“ ווערט ער אויסגעלאַכט.

און אפשר גערעכט איז מיין באָבע געווען,
וואָס האָט געזאָגט, פון אַ נאַר האָט מען צער,
און אַ שוטה, אַן אָפּגעריסענעם,
אַ האַלבע אַרבעט מ׳טאָר נישט ווייזן דערפאַר?
גאָטעניו, הלוואי זאָל איך בלייבן דער נאַר.

13

צדק־אידיאָטן, פּאַרטיי־פּאַטריאָטן?
עס גייט אין בענקעלעך און אין געהאַלטן!
מיט זייערע געשליפענע שאַרפע פראַזן,
נישט נאָר האָר — אַטאָמען שוין צו שפּאַלטן!



און אַז עס וואַקלען די בענקעלעך אין קרעמל,
קוילעט מען דערפאַר טויזנטער אין אונגאַרן;
מייק פאַר זיין בענקל קייכט קראַנק אין מיקראָפאָן —
ס׳קולט אַ בת־קול מיליאָנען שיין אָפּצונאַרן.

יאָ, ווען בעגין שטייט נישט אונטער זיין בענקל,
צי וואָלט דען בן־גוריון אין קריג געגאַנגען?
„שאול אין די טויזנטער, אין צען טויזנטער דוד“!
אייביק ניי איז דאָס געזאַנג פון די געזאַנגען.

אַנדערש דער זשאַנער פון אונזער קהלה קדושה
(צוליב ריטם ראשי־תיבות נישט באַניצן)...
מיט אַזאַ רחבותדיקער „קאַריערע“
קאָן מען ב״ה אויף צוויי בענקלעך זיצן.

14

פון קאַירע צו מאַכן אַ קאַריאַ,
אַ פלאַקער, אַז גאַנצער ערד־קיילעך פאַרברענט,
דאָ־אָ עס איז אַלצדינג וואָס מאַכן איר קענט —
„כי יד על כס יה מלחמה לאדוני“.

ביים אבן־שתיה, ביים הר־המוריה,
ביי דער טרויעריק פינסטערע מערב־וואַנט,
אין אַ שבועה אויסגעשטרעקט מיין רעכטע האַנט —
„כי יד על כס יה מלמה לאדוני“:

אַזוי לאַנג ירושלים צעריסן,
און בלוט זיך גיסן איבער דער גאַרער וועלט —
פון עמלק׳ס דלאָניע געלעקט דאָס בלוט־געלד!
„כי יד על כס יה מלחמה לאדוני“.

אָ, דאָס פייער וועט זיין, דאָס מעסער שוין גרייט,
און מיליאָנען לעמער דאָס בראַנדאָפּער־שאָף,
נישט קיין עקדה — עס וועט זיין אַ גאָטס־שטראָף,
„כי יד על כס יה מלחמה לאדוני“ — — —

15

האָט דער טייוול מיט אונז אַ שפּיל געשפּילט,
אָדער מיר גאָר געשפּילט זיך מיטן טויט?
מיר האָבן געווינען גאַנצע הויפנס,
וועגן מיר׳ס אויס אַצינד אויף קווינט און לויט.

דער קרעמאַטאָריום־קוימען־האַזאַרד!
אַ מענטש אַריינגעשיבט און אַש זיך שיט!
און געפינען מיר אַ ביינדל דערין
שפּילן מיר ווערפל און ביינדלעך דערמיט?

אײנע האָט זיך אַרויפגעקריגן אין דער הויך,
אויפן נעלסאָן־קאָלום און וואָרקעט אַראָפּ:
„ס׳פאַרגלייזט די אויגן ממש ווי אַ טײַבעלע״...
און לאָזט דעם רעדנער אויפן קאָפּ עפּעס אַראָפּ.

דער קאַרניוואַל ציט זיך פון דאָם צום ווייטהאָל,
און יעסיקאַ מיט אַ פּלאַקאַט — נאַ־שפּיץ!
אַ ישראל ביוטי טראָגט אים אויפן קאָפּ,
איר „לאַוו וואָר״, ווי דער כהן גדול דעם ציץ — — —

שיילאָקס אַנטאָני און דער אַנטאָני אידן,
„שני כתובים המכחישים זה את זה!״
איז געקומען, טאַקע, דער אַנטאָני נאַטינג,
איז דער טייטש גאָרנישט מיט גאָרנישט, ס׳איז — אָ־קעי.

12

ער וועט מסתם גיין דער סער אַנטאָני,
ווייל ער האָט בלויז אַ האַלבע אַרבעט געמאַכט,
וואָלט ער דעם גאַנצן קאַנאַל גענומען,
געווען ער וואָלט דער לעצטער וואָס לאַכט.
פון אַלע שיינע ווערטער דאָס שענסטע — מאַכט!

מיט אַ שירעם צופליען צו היטלערן,
שטייפן קאַפּעלוש ציען פאַר יעדן נאַר?
צומאָל דיפּלאָמאַטיע מוז געפירט ווערן,
מיט אַ לייטיש ברענענדיקן ציגאַר.
אויב אַ באַס מען פאַרשפּעטיקט — ערשט אַ קאַר!

דיפּלאָמאַטיע ביי גרין־געדעקטע טישן
ווערן מיט זיידענע הענטשקעס געמאַכט,
אָבער אין קריג צו גיין מיט סאַמעט לעטשלעך
און מורא האָבן זיי ווערן איינגעראַכט?
אַז סטראַטעג פרעגט: „מ׳מעג?״ ווערט ער אויסגעלאַכט.

און אפשר גערעכט איז מיין באָבע געווען,
וואָס האָט געזאָגט, פון אַ נאַר האָט מען צער,
און אַ שוטה, אַן אָפּגעריסענעם,
אַ האַלבע אַרבעט מ׳טאָר נישט ווייזן דערפאַר?
גאָטעניו, הלוואי זאָל איך בלייבן דער נאַר.

13

צדק־אידיאָטן, פּאַרטיי־פּאַטריאָטן?
עס גייט אין בענקעלעך און אין געהאַלטן!
מיט זייערע געשליפענע שאַרפע פראַזן,
נישט נאָר האָר — אַטאָמען שוין צו שפּאַלטן!



און אַז עס וואַקלען די בענקעלעך אין קרעמל,
קוילעט מען דערפאַר טויזנטער אין אונגאַרן;
מייק פאַר זיין בענקל קייכט קראַנק אין מיקראָפאָן —
ס׳קולט אַ בת־קול מיליאָנען שיין אָפּצונאַרן.

יאָ, ווען בעגין שטייט נישט אונטער זיין בענקל,
צי וואָלט דען בן־גוריון אין קריג געגאַנגען?
„שאול אין די טויזנטער, אין צען טויזנטער דוד״!
אייביק ניי איז דאָס געזאַנג פון די געזאַנגען.

אַנדערש דער זשאַנער פון אונזער קהלה קדושה
(צוליב ריטם ראשי־תיבות נישט באַניצן)...
מיט אַזאַ רחבותדיקער „קאַריערע״
קאָן מען ב״ה אויף צוויי בענקלעך זיצן.

14

פון קאַיראָ צו מאַכן אַ קאָריאַ,
אַ פלאַקער, אַז גאַנצער ערד־קיילעך פאַרברענט,
דאָ־אָ עס איז אַלצדינג וואָס מאַכן איר קענט —
„כי יד על כס יה מלחמה לאדוני״.

ביים אבן־שתיה, ביים הר־המוריה,
ביי דער טרויעריק פינסטערע מערב־וואַנט,
אין אַ שבועה אויסגעשטרעקט מיין רעכטע האַנט —
„כי יד על כס יה מלמה לאדוני״:

אַזוי לאַנג ירושלים צעריסן,
און בלוט זיך גיסן איבער דער גאָרער וועלט —
פון עמלק׳ס דלאָניע געלעקט דאָס בלוט־געלד!
„כי יד על כס יה מלחמה לאדוני״.

אָ, דאָס פייער וועט זיין, דאָס מעסער שוין גרייט,
און מיליאָנען לעמער דאָס בראַנדאָפּער־שאָף,
נישט קיין עקדה — עס וועט זיין אַ גאָטס־שטראָף,
„כי יד על כס יה מלחמה לאדוני״ — — —

15

האָט דער טייוול מיט אונז אַ שפּיל געשפּילט,
אָדער מיר גאָר געשפּילט זיך מיטן טויט?
מיר האָבן געווינען גאַנצע הויפנס,
ווען מיר׳ס אויס אַצינד אויף קווינט און לויט.

דער קרעמאַטאָריום־קוימען־האַזאַרד!
אַ מענטש אַריינגעשיבט און אַש זיך שיט!
און געפינען מיר אַ ביינדל דערין
שפּילן מיר ווערפל און ביינדלעך דערמיט?

אינם קידוש־בעכער אַריינגעלייגט,
און געוואָרפן דערמיט ביזגעלע חצות!
און נאָך האַלבע נאַכט, אין ווילדן האַזאַרד,
גאַנצן קאָן אויסגענומען מיט איין שאָס.

האָט דער טייוול מיט אונז אַ שפּיל געשפּילט,
אָדער מיר מיט גאָט אויף לעבן און טויט?
„אַ מעשה" זיך אַליין שוין אָנגעטון
באַגראָבן צו ווערן אונטערן פּלויט?

16

נישט קיין שאַך־מאַט, צומאָל קיין דאַמקע, —
אַזאַ קינדער־שפּיל פון איקס מיקס דריקס!
מיג׳ס, זשעט׳ס, מיט אַטאָם־באָמבעס באַוואָפנט,
איז אַצינד שוין צילנדיקער ביקס.

צעשטערער און אונטערוואַסער־שיפן,
איבער ים געברויז שפּילן אין גאָלף;
אין ראָק און ראָל טאַנצנדיקע ראָקעטס, —
אַזאַ קינדער־שפּיל פון שעפּס און וואָלף.

אויס מיטן סטראַשן שוין, אויס מיטן טרומף,
וואָס מיר מלכים, וואָס מיר פּיר טייז,
עס איז אַן אָפּענער זעקס און זעכציק,
ווען האַרץ־רויט פול שוין מיט אַלדעס־בייז.

אַ טרענדערל איצט כדור־הארץ
מיט אונזער „נס גדול היה שם":
שלום איבער דער גאָרער ערד, אָדער
תהום אויפגעבראָכענער אַטאָם — — —

17

אפילו אין שעפּס און וואָלף צו שפּילן,
ווי קאָן עס ווילד און געפערלעך ווערן;
אַז שעפּס קריגט זיך איבער פעלד אַריבער,
ר׳וויל גאַנצער אַרום זאָל אים געהערן.

ער שפּרינגט אַרויף, אַראָפּ, אַהין, צוריק,
אַלע מיט איינמאָל אַראָפּצורוימען!
דער באָק פון דער גאַנצער סטאַדע צו זיין,
ווי' געזעצן זיך שוין אין זיינע טרוימען.

ווי שפּיציק ווערן זיינע הערנדלעך —
די רייסציינער ביי אַ ווילדע חיה!
פון זיינע גוטע גרויסע שאָף אויגן,
קוקט נישט אַרויס מער דער חזון ישעיה.



אָ, אַז וואָלף און לאָם זאָלן שפּילן צוזאַם,
נישט צו געווינען איינערביים צווייטן — —
צי וועט ער אַמאָל מקוים ווערן,
דער חלום פון קומענדיקע צייטן?...

רחל מירסקי

## די חנוכה מתנה

האַלאָ, מר. ביירעד! — האָב איך אויסגערופן מיט צופרידנהייט, ווען איך בין נאָך געווען פון דערווייטן. עס האָט מיך דערפרייט ווידער צו זעען מיין אַלטן גוטן פריינט.

— האַלאָ! — האָב איך נאָך אַמאָל געזאָגט, צוקומענדיק צו אים — וואָס מאַכט איר? לאַנג אייך נישט געזען.

— דאָס וועטער איז נישט זומערדיק מער, דערפאַר קום איך נישט אָפט. קען זיין, אַז אַמאָל, ווען איך בין געקומען זענט איר פונקט נישט געווען. עס מוז זיין באַלד אַ צוויי חדשים אַז מיר האָבן זיך נישט געטראָפן. אָבער וואָס איז דער נפקא־מינה ווי לאַנג עס איז, עס פרייט מיך, אַז איך זע אייך.

— און אייך אַרט גאָרנישט, וואָס דאָס וועטער איז ווינטערדיק? און איר קומט און זיצט תמיד אויף דער זעלבער באַנק — האָב איך לאַכנדיק געזאָגט.

— ווען איך זאָל זאָגן דעם אמת איז מיר נישט קאַלט. אויב איך וואָלט געזעסן אין דער היים מיינט איר, מיין פריינט, אַז עס וואָלט מיר געווען וואַרימער? דאָ זעט מען פאַרבייגיין מענטשן, מאַמעס מיט קינדער, וואָס מען ברענגט זיי אין פּאַרק אַריין, זיי זאָלן האָבן פרישע לופט. זאָל מיך דוכטן, אַז איך בין אויך אַ קינד נאָר אָן אַ מאַמע מיך צו באַגלייטן — האָט ער שטיל געלאַכט, און אַראָפּגעקוקט צו זיינע פיס. באַלד האָט ער ווידער אויפגעהויבן די אויגן, און מיט דעם זעלבן שמייכלענדיקן אויסדרוק אין בליק זאָגט ער:

— איר וועט מיר נישט גלויבן, אַז איך וועל אייך זאָגן, מיט וואָס איך האָב זיך פאַרנומען איידער איר זענט דאָ אַהערגעקומען. איר וועט זיכער לאַכן און זיך טראַכטן, וואָס אַן אַלטן נאַר קען איינפאַלן. איך האָב געציילט די קאָלירטע מענטשן, וואָס גייען דאָ פאַרביי דורך דער צייט וואָס איך זיץ דאָ. כ׳טו דאָס זער אָפט, ווען איך זיץ אַליין. איר וועט גאָרנישט גלויבן, ווי דאָס פאַרטרייבט די לאַנגווייליקייט. נישט נאָר איך צייל, נאָר איך באַטראַכט אויך די פּנימער, און זע וויפיל עלנט עס ליגט אויך אויף זיי. איר ווייסט, עס נעמט אַרום אַ רחמנות און עס טראַכט זיך, פאַרוואָס איז דאָ אַזוי פיל עלנט? און דערווייל פאַרגעסט מען וועגן זיך.

— אַך, מר. ביירעד, וואָס טויג אייך דאָס טראַכטן וועגן אַנדערע! סוף כל סוף וועלן זיי געפינען אַ וועג אין לעבן, ווייל די מיינסטע וואָס געפינען זיך דאָ זיינען יונגע מענטשן. ווייסט איר גאָר וואָס? איך האָב אַ פיל בעסערן פּלאַן צו פאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט! און אַחוץ אַלעם מוז אייך זיין קאַלט, איר זיצט זיכער דאָ אַ לאַנגע צייט. מיר וועלן אַריינגיין האָבן אַ טעפּעלע טיי. עס איז

בעסער צו זיצן אין דער וואַרעם און שמועסן.

אַזוי גייענדיק, זאָגט מר. בייראַך: ביז דאָס לעצטע גרויסע אומגליק איז געקומען איבער אונז יידן — און מיין אייגענער אומגליק — האָב איך תמיד געגלויבט, אַז עס זיינען דאָ זער ווייניק שלעכטע מענטשן אין דער וועלט. אפשר דערפאַר, וואָס איך בין תמיד געווען אַרומגערינגלט מיט ליבע און גוטסקייט, — אויך איצט, נאָך דעם ווי עס איז אָנגעגאַנגען אַזוי פיל רשעות אין דער וועלט, האָב איך נאָך אַלץ דעם געפיל, אַז עס זיינען דאָ מער גוטע ווי שלעכטע מענטשן.

באַקענט האָבן מיר זיך זיצנדיק אין אַ פאַרק. ער האָט געלייענט אַ צייטונג, און איך האָב מיך פאַראינטערעסירט מיט די פאַרשידענע וואַסער־פייגל, וואָס זיינען אַרומגעשווימען אויף דעם קליינעם טייך, ביי וועלכן מיר זיינען געזעסן. די פייגל זיינען צוגעקומען צום ברעג צו קריגן ברעקלעך עסן. צופעליק איז מיין בליק געפאַלן אויף דעם מאַנ׳ס הענט. עפעס האָבן זיי נישט געשטימט מיט זיין אויסזען. די הענט זעען אויס ווי ביי אַ יונגען מענטש. אַ גלאַטע הויט, שטאַרק און יונגע מוסקלען. לאַנגע דינע פינגער, עפעס ווי אַ באַזונדערע לעבעדיקע סענסיטיווע טייל פון דעם קערפער זיינעם. איך האָב געפילט, אַז עס וועט מיר באַנג טון, אויב איך וועל נישט מיט דעם מענטש באַקאַנט ווערן. עס איז נישט געווען שווער צו פאַרבינדען אַ שמועס. דער מאַן איז אויך געוואָרן לעבהאַפט, ווען איך האָב צו אים אָנגעהויבן צו רעדן. מיר זיינען ביידע געוואָרן אינטערעסירט אין פרעגן און ענטפערן איינער דעם צווייטן. אָבער צום סוף האָט ער גערעדט און איך האָב זיך צוגעהערט.

— מיין נאָמען איז בייראַך. איצט בין איך אַ לאָנדאָנער. איך בין אָבער געבוירן אין אַ קליין שטעטל אין פוילן. מיינע עלטערן זיינען נישט געווען רייך, אָבער אויך נישט אָרעם. ביי אונז האָט מען אַזעלכע גערופן בעל־הבתישע מענטשן. איך האָב באַקומען אַ גוטע דערציאונג, האָב געלערנט ביז איך בין געווען אַ דערוואַקסן בחורל. מיין פאָטער האָט אָבער אויך געוואָלט אַז איך זאָל קענען עפעס אַ מלאכה. ווען די צייט וועט קומען, אַז איך וועל מיך דאַרפן אַליין פאַרזאָרגן, זאָל איך זיין דערפאַר צוגעגרייט. מיין פאָטער האָט באַשלאָסן אַז איך זאָל ווערן אַ גאָלדשמיד, דאָס איז אַ קעניגלעכע מלאכה — האָט ער געזאָגט.

ביי אונז אין שטעטל איז געווען אַ ייד, וועלכער איז געווען דער איינציקער גאָלדשמיד, נישט נאָר אין אונזער שטעטל, נאָר אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך. איך בין אָנגעקומען „אין דער לער״ צו אַלטער דער מומע דרעזאַלס, — אַזוי האָט מען דעם ייד גערופן, און דער ייד האָט געהאַלטן וואָרט, ער האָט מיך געלערנט, און איך האָב די אַרבעט זער ליב געהאַט.

נאָך צוויי יאָר לערנען האָט אַלטער גערופן מיין פאָטער און אים געזאָגט, „איך האָב אייער זון געלערנט אַלעס וואָס איך קען. איך האָב אים נישט מער וואָס צו לערנען. אייער זון האָט אַ גוטן קאָפ און גאָר פיינע הענט פאַר דער אַרבעט אויסצוקלאַפן און אויסצופאָרמען שיינע זאַכן. נעמט מיין עצה, שיקט אים אַוועק אין אַ גרויסער שטאָט. אויב איר ווילט אים שיקן נאָך קראָקע, וועל איך אים געבן אַ בריוו צו מיינע פריינט, וואָס וועלן אים בייהילפיק זיין״.



מיין פאָטער האָט איבערגערעדט מיט מיין מוטער. ער האָט זיך תמיד שואל־עצה געווען מיט די מאַמע מיינע וועגן אַלעם. איך בין אַוועק נאָך קראָקע, פאַרפאָרן מיט דעם בריוו אין האַנט צו די מענטשן, וואָס „אַלטער די מומע דרעזולס״ האָט מיך געשיקט. מען האָט מיך דאָ דערוואַרט און אויפגענומען, ווי איך וואָלט געווען איינער פון דער משפחה, בין באַלד היימיש געוואָרן מיט דער גאַנצער פאַמיליע, פאָטער, מוטער, צוויי זין און אַ טאָכטער. איך בין געבליבן וווינען מיט דער פאַמיליע, אויך באַלד באַקומען אַרבעט אין איינעם פון די גרעסטע און פיינסטע געשעפטן. דאָ האָט מען געמאַכט די פיינסטע צירונג. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, האָט מען מיך אָנגעהויבן צו רופן דער בחור מיט די גאָלדענע הענט. אין דער אַרבעט בין איך באַרייכערט געוואָרן מיט פאַרשידענע איינפאַלן, מיין קאָפ איז געווען פול מיט בילדער און סימבאָלן פאַר צירונג־שטיקער. אַזוי האָב איך געלעבט אין דעם הויז פון מיינע גוטע בעלי־בתים, האָב געפילט צו זיי ווי די אייגענע קינדער. נישט זיכער מיט זיך בין איך נאָר געווען, ווען עס האָט געטראָפן אַז כ׳בין געבליבן אַליין מיט נחמה, די טאָכטער פון הויז. דאַמאָלט האָב איך נישט געקענט אויסרעדן קיין וואָרט. זי האָט גוט געזען מיין פאַרלעגנהייט, האָט זי אויף מיר געקוקט מיט אירע גרויסע ברוינע אויגן און געלאַכט. איך בין תמיד רויט געוואָרן, האָב מיך פאַרשעמט מיט מיין אויסזען. געזאָגט האָב איך גאָרנישט. איין מאָל, ווען זי האָט געלאַכט און איך בין רויט געוואָרן, האָב איך אויסגעשריגן: „פאַרוואָס לאַכסטו, נחמה?״ און איידער איך האָב געוווסט וואָס איך טו, האָב איך אויסגעצויגן מיינע הענט, אָנגענומען אירע ברוינע גלאַנציקע האָר און צוגעלייגט מיין פנים, און שנעל געזאָגט: „פאַרוואָס פאַרקעמסטו נישט די האָר אַזוי ווי אַלע?״

אירע אויגן זיינען מאָמענטאַל נאָך גרעסער געוואָרן. זי האָט אויף מיר געקוקט און נישט מער געלאַכט. די קאַשטאַן־ברוינע האָר האָבן נאָך מער געגלאַנצט. איך בין געשטאַנען פאַרשעמט און פאַרלוירן.

איין מאָל זאָגט איר פאָטער צו מיר: „עס גייט צו חנוכה און איך דאַרף האָבן אַ מתנה פאַר אימיצן. כ׳וואָלט געוואָלט דו זאָלסט מיר מאַכן אַ זאַך אַזוי ווי דו קענסט. איך דענק אַז אַ זילבערנע טאַבאַק־פושקע וואָלט זיך זער געפאַסט פאַר דעם מאַן, עס וואָלט מיך געפרייט ווען דו וואָלטסט דאָס געמאַכט פאַר מיר. וואָס איז דיין מיינונג?״

איך האָב צוגעשטימט. איך האָב געאַרבעט איבער דער מתנה, בין געווען באַהערשט פון איין פאַרלאַנג אַרויסצוברענגען פון דעם רויען שטיק זילבער דאָס, וואָס מיין קאָפ, האַרץ און אַלע מיינע נערוון האָבן געוואָלט. איך האָב נישט געטראַכט צי וועט די זאַך זיין פאַסענד פאַר דער מתנה. איך בין פלוצלינג באַהערשט געוואָרן פון אַ געדאַנק וואָס צו מאַכן, ווען אין אַ געוויסן אָוונט איז די גאַנצע משפחה געזעסן אַרום טיש, אונטער דעם גרויסן בליץ־לאָמפ. נחמה איז געזעסן אַריבערגעבויגן איבער אַ האַנט־אַרבעט. מיין בליק האָט זיך איינגעגראָבן אין דעם גלאַנץ פון אירע ברוינע האָר. די ציינדלעך פון די קעמלעך זיינען געווען איינגעביסן אין די ווידערשפעניקע ברוינע געלאָקטע

קרייזעלעך.

פון דער מינוט אָן האָב איך נישט געהאַט קיין רו. איך האָב נאָר געזען דעם קאָפּ מיט דער ברוינער לעבעדיקער מאַסע, וואו איך האָב געוואָלט איינגראָבן מיין פּנים. עס איז געווען עפּעס, וואָס האָט מיך אין גאַנצן פאַרצערט.

ווען איר פאָטער האָט ביי מיר געבעטן צו מאַכן די מתנה, בין איך עפּעס אויסגעלייזט געוואָרן פון דעם פייער, וואָס האָט מיך פאַרצערט.

די מתנה איז פאַרטיק געוואָרן. עס איז געווען דער לעבעדיקער קאָפּ פון נחמה מיט די ווידערשפּעניקע לאָקן און איינגעביסענע קעמלעך. אין דער רעכ־טער האַנט האַלט זי אַ מנורה. די האַנט איז אויפגעהויבן ווי זי וויל דאָס געבן אימיצן. מען זעט די גראַווירונגען אין דער מנורה, פון איין זייט אַ לייב, אין דער צווייטער זייט אַ הערש. אונטן זיינען אַכט קליינע קריגעלעך, און פון איין גרעסער קריגעלע גיסט זיך אייל. עס איז אַרויסגעקומען אַ וואונדערבאַרע זאַך, אויסגעהאַמערט און אויסגעשטאָכן ווי אַ גריכיש פיין אַנטיק־קעסטעלע.

ווען איך האָב נחמה'ס פאָטער איבערגעגעבן די מתנה, האָט מיר אויסגע־וויזן, אַז זיינע אויגן זיינען גרעסער געוואָרן, זיין הויכער שטערן האָט זיך אַרויפגעצויגן נאָך העכער, און אַ ביסל בלאַס געוואָרן. ער האָט געקוקט אויף דער טאַבאַק־פּושקע. זיין בליק איז אָבער אויך מיט דער זעלבער באַוואונדערונג אויף מיר שטיין געבליבן. ער האָט אויסגעצויגן זיין לינקע האַנט, אַרויפגעלייגט אויף מיין רעכטן אַקסל, מיך לייכט אַ טרייסל געטון, און אָן איין וואָרט אויסצו־רעדן איז ער אַרויס פונם צימער.

אַלעס האָט זיך נאָך דעם געביטן. מיר האָבן ביידע, נחמה און איך, נישט באַמערקט, ווי מיר זיינען געוואָרן נאָענט צווישן זיך. מיר זיינען געווען צוויי אומשולדיקע פאַרליבטע קינדער. איך אַ יאָר צוואַנציק, נחמה אַכצען יאָר. אירע עלטערן האָבן געשריבן צו מיינע טאַטע־מאַמע, זיי זאָלן קומען. מיר זיינען געוואָרן חתן־כלה, און די עלטערן האָבן אָפּגערעדט אַ צייט פאַר דער חתונה.

מיט אַ יאָר שפּעטער האָבן מיר חתונה געהאַט. צוויי קינדער איינגעוויגט אין אַ זילבער־וואָלקן פון דער ערשטער ליבע.

מיין פריינט איז שטיל געוואָרן. ער איז געזעסן מיט זיין בליק אין דער ווייטקייט. נאָר ער אַליין האָט געוווסט וואָס ער זעט אין דער ווייטקייט. איך האָב נאָר געזען, ווי פון ביידע זייטן האַלז זיינען זיינע אָדערן געוואָרן אָנגע־לאָפן מיט בלוט, און האָבן אויסגעזען ווי צוויי בלויע שטריק. אויך ביי די שלייפן זיינען די אָדערן געווען דיק און בלוי. די הענט האָבן אַ ביסל געציטערט. כדי איך זאָל נישט זען זיינע ציטערדיקע הענט, האָט ער די דלאָניעס אָנגע־שפּאַרט אויף די קניען. דאַמאָלט האָב איך ווידער געזען די שיינע הענט זיינע, און ווי דאָס בלוט האָט צירקולירט אונטער דער פיינער דינער הויט.

עס איז מיר געווען פיינלעך דאָס שווייגן. אָבער איך האָב נישט געוואָגט איבערצורייסן די שטילקייט.

און ווי פון אַ חלום האָט ער ווידער אָנגעהויבן גאַנץ שטיל, אָבער מיט אַ גאַנץ אַנדערע שטילקייט, אַ טרויעריקע, אַ פינסטערע, פון אונזערע פאַרגאַנ־



גענע טעג, מיט גאַז קאַמער, מיט קרעמאַטאָריום. אַזוי רעדענדיק האָט ער אַרויסגענומען אַ קליין פּעקעלע פון זיין בוזעם־קעשענע, און אַרויסגעוויקלט די זילבערנע טאַבאַק־פּושקעלע. איך האָב דאָס גענומען פון זיין האַנט, האָב באַ־וואונדערט דעם פיינעם קאָפּ מיט דעם וואונדערלעכן אויסדרוק אין דעם פּנים, וואָס וויל אימיצן איבערגעבן די חנוכה־מנורה.

איך האָב נישט געוואָגט צו פרעגן, ווי אַזוי איז געבליבן די מתנה אָפּגע־ראַטעוועט.

דורך די יאָרן איז דאָס געוואָרן אַ משפּחה־אייגנטום, וואָס איז איבערגע־גאַנגען פון איינעם צום צווייטן, אַזוי ווי אַ טייערער קידוש־בעכער, אָדער בשמים־ביקסל. ווי אַזוי איך האָב דאָס אויפגעהיטן ווייס נאָר איין גאָט. אפשר געהער עס אויך צו אַ נס חנוכה... — האָט ער שטיל געזאָגט ווי צו זיך.

ווידער האָבן זיינע הענט אָנגעהויבן ציטערן: ווען איך בין באַפרייט געוואָרן איז דאָס די איינציקע זאַך וואָס איז מיר געבליבן.

ער האָט מיט טרויער געקוקט אויף דעם שיינעם קאָפּ מיט די ווידערשפּע־ניקע האָר. מיט טרויער אין זיין שטימע האָט ער געפרעגט ווי צו זיך אַליין: צו וועמען וועל איך דאָס איבערלאָזן? אַז עס איז נישט געבליבן קיינער פון דער משפּחה!

## שמואל ווהייט

### חנוכה לאַטקעס אויסגעטיילט פון שמואל ווהייט

הקדמה —
די לאַטקעס זיינען הייס געפּרעגלט בחיפזון,
דערפאַר דאַרפט איר זען אויף זיי צו בלאָזן.

א. נ. שטענצל

פאַרן גראַמען דיסק
מיט אַ גרויסן פּיסק,
צו באַהיטן די נינאַ,
מיט אַ יידישע תחינה,
קומט אים אַ „רוסישע לאַטקע“
טאַקע פאַ־קאָזאַצקו...

יוסף פרענקעל

שענק איך אַ שייבן־שענקל,
ער זאָל האַלטן די אַרכיוון
פון דאָקטאָר הערצל זכרונו לברכה,
כ'בין אים אויך מכבד
מיט אַ „ציון־לאַטקע“,
ער זאָל אויף „עברית“
איבער איר מאַכן אַ ברכה.

אַ געוויסן למדן
בין איך מכבד אַ לאַטקע מיט פליגל,
זי זאָל זיך האַלטן אין איין באַוועגן,
דערפאַר מעגט איר
קשיות פרעגן אָן שיעור.
ער וועט זיי ענטפערן „בחיפזון״,
נאָר זיין זאָל עס ניט מיט „ירגזון״.

שמואל וווהייט דעם דיכטער
אַ לאַטקע מיט אַ פּאַרציע כריין,
עס זאָל אין נאָז אים פאַרגיין,
וועט ער אפשר פאַרשטיין,
אַז דעם גרעסטן „חוזק״
מיט די לאַטקעס טיילן
מאַכט ער פון זיך גאָר אַליין.

אַ געוויסן קולטור־טוער אַ „יידישע לאַטקע״
פאַר זיין אַגיטירן פאַר יידיש —
און דווקא יידיש, נאָר ליידער,
געוואַלט יידן, ווו נעמט מען אַ חדר,
יידיש מיט אים איינצוקנעלן.
איך מוז דאָ אָפן באַמערקן,
זיין יידיש וואָלט מיר געפעלן,
ווען ער רעדט עס פאַר טערקן.

י. ריכטיגער דעם חקרן דעם למדן
בין איך מכבד מיט באַטעמטע לאַטקעס,
דערפאַר זאָל ער זען געפינען
אַלע מנהגים, אַלע דינים,
ווי זיך נוהג צו זיין ביים עסן,
און חלילה־וחס אַ ברכה
איבער זיי נישט פאַרגעסן.

אַ געוויסן רב הייסע לאַטקעס
פאַרן טומלען מ׳מוז נאָר „יידיש האָבן״,
נאָר ווי קומט עס אַז אין זיין יידיש
טוט ער דאָס „ענגאַליש״ אַזוי טיף „באַגראָבן״.

אַלע יידישע שונאים
לאַטקעס מכל מיני מטעמים,
אַז מיט זייער גיפט
זאָלן זיי זיך אַליין פאַרסמען.



TOWER
HAMLETS
LIBRARIES

מיין חשובן חבר וואָלף מאַנקאָוויץ אַ חנוכה־מתנה
כ׳שענק אייך „אַ האַנט־געניייטן אויבערמאַנטל״,
וואָס זאָל טאַקע גוט פּאַסן.
זאָל דער טאַטע זיינער הנאה האָבן
פון זיין „בויטשיק״ וואָס קען ערנסט שפּאַסן.

כ׳שענק אים אויך אַ „דריי־פאַרדינג ציגעלע״,
מיט אַ גאָר גרויסן האָרן,
כדי דער פייטער זאָל קענען
אַ נייע פּרעס־מאַשין אָפּשפּאָרן,

און דעם אַנטיק־סוחר
ווינטש איך אַז ס׳זאָל אים גליקן
ער זאָל איינהאַנדלען חצי־חינם
מייסטערהאַפטע אַנטיקן.

רעלא בערגמאַן

## דריי פאַבלען

### I. דער לייב און דער אייזל

אַ לייב וואָס האָט אין צירקוס זיך דערוואָרבן כבוד, רום און גליק
מיט גאָלדענע אָרדענס פול באַהאַנגען האָט זיך אין וואַלד אומגעקערט צוריק,
און דאָרטן אויף זיין טראָן שוין
פון אַלע חיות נאָנט און ווייט צוגענומען זיין גרויסן לוין.
אַן אייזל געוועזן איז דעם לייב שטאַרק מקנא און האָט געהאַט חשק
צום זעלבן עסק,
צו ווערן אויך אַזאַ באַרימטער לייט,
און איז אַוועק פאַר אַ לאַנגער צייט.
און ווען נאָך יאָרן דער אייזל האָט געטון זיך אומקערן,
געוואָלט די לויב־ווערטער וואָס גיכער שוין צוהערן,
האָבן אָבער ליידער זיינע לאַנגע אויערן גאָרנישט וואָס פאַרנומען,
ווייל אַן אייזל ווי געוועזן איז ער צוריקגעקומען.

### II. די טויב און דער קאָטער

צו אַ שיינער טייבעלע געווענדט האָט זיך אַ קאָטער,
איך האָב דיך זער ליב און וויל אַ פריינט דיר זיין,
ווי אַ געטרייער פאָטער
באַהיטן דיך פון יעגערס פיין.
קום בלייב מיט מיר צוזאַמען.
דאָס שענסטע פון דער באַלעבאָסטעס קיך כ׳וועל פאַר דיר אויסראַמען.

פאַר פרייד
האָט זיך דער אָרעמער טויב פאַרדרייט
דער קאָפּ,
און גיך איז זי געפלויגן צום טרייען פריינט אַראָפּ.
נאָר קוים האָבן די ערד באַרירט אירע אומשולדיקע פיס,
האָט דער פאַלשער קאָטער געגעבן איר אַ ביס...
נישט בעאַכט איר יאָמער און איר קלאָג,
געמאַכט פאַר זיך אַ גוטן טאָג.

### VIII. די שלאַנג און דער אָדלער

אַ שלאַנג קריכנדיק אויפן בויך,
האָט דערזען ווי הויך
אין דער לופטן אַן אָדלער איז געפלויגן און האָט אַ טראַכט געטאָן,
ווען איך וואָלט דיר אַראָפּגעצויגן פון דיין אויבן־אָן,
און זיך אונטן מיט דיר געפּאָרט,
דו וואָלסט צו פליען שוין פאַרשפּאָרט,
און קיינמאָל מער געזען דיין טראָן.
און ווילנדיק עס אויספירן,
האָט דער שלאַנג ליבלעך און מיט זיסע רייד וואָס רירן,
איינגעלאַדן דעם אָדלער צו זיין גאַסט.
עס וואָלט זיך בעסער שוין געפּאַסט.
געענטפערט האָט דער אָדלער שטאָלץ און געשפּאַסט:
צו געבן דיר אַ פּאָר פליגלען דו זאָלסט נישט ברויכן
קריכן אויף דער נידעריקער ערד,
נאָר פליען צו די הימלס הויכן.
גערן עס פאַר דיר געטון, ווען געווען וואָלסט עס ווערט,
נאָר אומזיסט מיין מי דיך צו דערהייכן,
די הויכע הימלען וועסטו קיינמאָל נישט דערגרייכן.

## ש. זאלקין

### די יתומה

פאָטער גוטער, איך וויל וואָס פרעגן,
נאָר זיך בייזער ניט,
מיידלעך גייען מיט בחורים,
בלויז איך איינע ניט!

אָט אין גאַסן זיי שפּאַצירן,
ס׳הילכן אָפּ די טריט,
בלויז איך איינע זיץ אין קאַמער,
גיי אין ערגעץ ניט.

אַלע טראָגן שיינע קליידער
נאָכן לעצטן שניט,
און איך טראָג אַ גראָבן פאַרטוך;
כ׳האָב קיין קליידל ניט!

אויפן שול־הויף שטייט אַ חופּה,
אַ כלה איז אין דער מיט;
קיינער זוכט פאַר מיר קיין חתן,
אויב דו געפינסט אים ניט!..



## א. מייזעלס

### סעם דייוויס פון לאָנדאָן צו זיין שותף מנחם מענדל אין תל אביב
(געדרוקט לויט מר. דייוויס׳ אויסלייגעכץ)

לאָנדאָן, 2־טן נאָוועמבער, 5691 (1956)
צום אָבגעשעצטען מיסטער רעב מענאַכעם מענדעל.

אייער „לעטער” האָב איך באַקומען און איך האָב אים זעהר „ענדזויעט”. איך האָב אים געלייענט עפּשער אונדערט מאָל. אַזוי וויא דער פּאָסטמען האָט געטיען אַ „נאָק אין מיין דאָהר” (קלאַפּ אין טיר) האָב איך באַלד געוויסט, אַז דער „לעטער” איז פון יעסראָעל, ווייל איך האָב געטיען דערקענען דעם „סטעמפּ” מיט דער מענוירע. מיין איניקעל איז אַ „סטעמפּ קאָלעקטער”, האָב איך דעם נעמליכען „סטעמפּ” ביי אים געזעהען. איז ווי־זשע האַלט איך, יאָ. בין איך באַלד מיט דעם לעטער געגאַנגען אין „קאַפע לייענס” און האָב גערעכענט, אַז איך וועל דאָרט „מיעטען” (באַגעגענען) אַ „דזשואיש רייטער” (שרייבער) וועט ער מיר דורכלייענען דעם „לעטער”, וועט מיר דערנאָך זיין גרינגער אַליין צי לייענען. וואָרים איך האָב נאָך אַלץ גרויס „טראָבעל” מיט מיינע ברילען. גלויבט מיר, אַז צו קיין אַנדערען וואָלט איך ניט געשריבען פאַר אַ מיליאָהן, ווייל דאָס איז ביי מיר ערגער פון אַ פיער־האַלץ ציציהאַקען און אַלץ דערפאַר ווייל איך קען זיך ניט צו „פיקסען” קיין ברילען. איך האָב „לאַסט וויעק” (לעצטע וואָך) צו מיין דאָקטער דאָס נעהמליכע געזאָגט וואָס איר האָט מיר געזאָגט, אַז אייער שוויגער פלעגט זאָגן — לעהרען זיך ניט אָף מיין באָהרד שעהרען — מיינט איר, אַז ער האָט זיך „אינסאַלטעט” (באַליידיקט), „גאָד פאַרבידען” (חלילה), ער האָט געלאַכט, אַ „טשיעק” (חוצפּה) דאָס האָט.

איז ווי־זשע האַלט איך? יאָ, וועגען דעם וואָס איר שראַבט מיר וועגען די „רעיסעס” וואָס איר ווילט מאַכען אין טייל־אַוויף מיט אייער פעטער טויוויע. איך מוז אַרויס מיטען אַרבען וואָרט „יו וויל העוו טו עקסקיוז מי” (מוחל זיין), וואָס מיינט איר עס, פערדלעך זיינען ביי אייך אַ שטיקעל געמאָרע? דאָס איז אַן איידעלע זאַך. דאָס איז, דאָס איז, דאָס איז ניט קיין ראַבאַנישע ציעג... אין הילכעס פערדלעך וועל איך אויפנעמען מיטען גרעסטען ראָף, אפילו מיטען טשיעף ראַביי. „מיי דיער פרענט”, מען דאַרף פּאָקען און מאָזלען ביז מען ווערט אַ שטיקעל מייווען אויף אַ פערדעל. אייער פעטער טויוויע מעג טאַקע זיין אַ ספּעץ אויף פערד, אָבער ניט אויף פערדלעך. דאָס זיינען געקליבענע „דיימענדס”, זיי ווערען געוואויגען און געמאָסטען און כוצדעם מוז מען וויסען דעם ייכעס פון פערד, היינט ווי וועט איהר נעמען דעם עמעסען „זשאָקיי”? זעהט איהר פאַני מענאַכעם מענדעל, דאָס מאָל וואָלט איך אייך גערואָטען, איהר זאָלט דאָס ניט טון, פאָלגט מיך און נעמט מיין „אַדווייס” (עצה) און ווערט ניט קיין „בוקמעיקער”, דאָס איז אַזאַ פאַרנאָהסע, וואָס אָט זעענט איהר אין אימעל און אָט ליגט איהר נאַהן איילען אין דער ערד. יענע וואָך האָב איך ביי די רעיסעס אין אַסקאָט געכאַפּט די עמעסע באָמבע. איהר מעגט אייך פאַרגינען

צו הערן אַ „סטאָרי“ וואָס עס טרעפט זיך איינמאָהל אין טויזענט יאָהר.

איז ווי־זשע האַלט איך? יאָ, איהר מוזט דאָך פאַרשטייהן, אַז ביי אַזעלכע „יום־האַדינס“ ווי „דערבי“, „צעזאַרעוויטש“, „אַסקאָט“, דאָס זיינען דאָך טעג פון ציטערניש ביי דער היגער מענשהייט. נו, ווילט איהר, אַז איך זאָל זיצן אין דער היים? בין איך געגאַנגען אין „לייענס“, גענעמען אַ „פעל“ (חבר) און אַרויס געפאָהרען קיין אַסקאָט. וואָס דאָרט האָט זיך איבער געטיהען, די גאַנצע מענשהייט איז דאָרט געווען געוועהען. איך האָב זיך צוגעשטופט צו מיין „בוקמעיקער“ און דערלאַנגט איהם אַ „קוויט“ (אַ פונט) און זאָג איהם, אַז איך „פענסע“ (נושא חן) דעם „פייוואָריט“ מיטען נאָמען „סנאַטער־בעי“. נעמט ער צו דעם פונט און גיט מיר דעם „סליפּ“ און זאָגט מיר „איי עם סורפּרייזט עט יו“ (פאַרחידושט) וואָס עפּעס האָט איהר אויסגעקליבען דאָס פערדעל? עס וועט דאָך לויפען ביז נאָך „טי־טיים“. טראַכט איך מיר, אַלרייט, געטראָפען וועמען צי בלאָפען, אַז „ביסאַכאַסקעל“ איז „סנאַטער־בעי“ דער „פייוואָריט“ פון די עמעסע „פייווערייטס“ און זיין „זשאָקיי“ איז ניט קיין אַנדערער ווי סער לאַפּידעס... „טו קאָט דהי סטאָרי שאָרט“ (הקיצור) די רעיס האָט באַלד „געסטאַרטעט“ און שטעלט אייך פאָר, אַז דער גרויסער פעיוואָריט האָט זיך — „עקסקויז מי“ — באַפּאַנפּעט און ער לויפט נאָך. נו, לאָז איך מיך אַן אָפּגעשמיסענער פאָהרען אַהיים. פלוצים באַגעגען איך מיינעם אַן אַלטען „פעל“ און יענער איז אין די הויכע פעדערען, ווייל זיין פערדעל האָט אַריינגעשאָהסען. פרעגט ער מיך — וויפיל האָסטו „געבעקט“? זאָג איך איהם — אַ פונט. זאָגט ער — סעמעלע גאַנעוו, זאָלסט אַזוי האָבען דיין קאָפּף צי סיז עמעס. זאָג איך — דזשעקעלע מאַרוויכענעק, סיז עמעס. זאָגט ער — סעמעלע זשוליק, סיז ליגען. זאָג איך — דזשעקעלע שווינדלער, אָט טאַסטי דעם סליפּ. דזשעקעלע מאַמדזער נעמט דעם סליפּ און טיעט איין קוק, אַז ער צילאַכט זיך, לאַכט ער נאָך, כ'האָב געמיינט, אַז סיז זיין לעצטע מיניט. ווען ער האָט זיך שוין גיט אויסגעהירזשעט, רופט ער זיך אָהן — סעמעלע קאַלבויניק, דיין פערדעל האָט דאָך געווינען, האָסט דאָך געבעקט דעם „אויסען־סייטער“, ער צאָהלט דאָך צוואַנציק צו איינס. און מיר לויפען ביידע צום „בוקי“ און וויינענדיק האָט ער מיר אויסגעצאָהלט פיער קנאַקענדיקע „פייווער“, צוואַנציק פונט ווי די בעהרען, ענד און פּיעס האָבען ביי איהם געציטערט.

וועט איהר דאָך מיך פרעגען „האַו איז איט פּאָסיבעל“? ווי איז דאָס מעגליך? איז די סטאָרי אַזוי. אויפען פּלאַץ איז געוועזן אַזאַ נאָיס“ (טומעל) פון דער מענשהייט, אַז מען האָט ניט געהערט דאָס אייגענע וואָרט. האָב איך געזאָגט דעם בוקי שראַב „סנאַטער־בעי“, איז דאָך דער בוקי אַ גרויסער גאַנעף — אויך מיינער אַן אַלטער פעל — ער ווייסט דאָך, אַז איך האָב שוין זייט יהאָרען „טראָבעל“ מיט מיין בריל און וועל ניט קענען לייענען דעם סליפּ, האָט ער „אינסטעד“ „סנאַטער־בעי“ וועלכער איז אַ פייווערייט און וועט זיכער אַריין, אָנגעשריבען „סאַטער דעי“, אַ פערדעל וואָס פאַר מיינע זינד וואָלט איך דאָס ניט געבעקט. נו זעהט איהר דאָהך, ווי האָט איהר מיר געזאָגט פלעגט איהר



זאָגען האָט אייער שוויגער געזאָגט — אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזים — איהר זעהט, דאָס אַלעס האָב איך צי פערדאַהנקען מיינע פעלס, אַלע פיינע דזשענטעל לייט...

איז ווי־זשע האַלט איך? יאָ, איך שראַב שוין די דריטע וואָך דעם לעטער און אַלעוואַי איך זאָל איהם ענדיקען היינטיגע וואָך. פאַרוואָס עס נעמט אַזוי לאַנג דאַרף איך אייך ניט זאָגען, סיז גענייג צו דערמאָהנען בלויז איין וואָרט — די ברילען! — זייט איהר זענט אַוועק געפאָהרען קויף איך יעדן פרייטיג דעם אידישען פּעיפּער „דהי דזשואיש וואָיס“, האָב איך צי ליינען אַ גאַנצע וואָך. נעכטען בין איך געזעסען אין „לייענס“, האָבען זיך דריי שראַבערס צוגעזעצט ביי מיין טיש. איך האָב זיך צו געהערט וואָס זיי רעדען און האָב פאַרשטאַנען, אַז היינט־מאָרגען וועלען זיי פון דער „דזשואיש וויקלי“ (וואָכן־צייטונג) מאַכען אַ „דעילי פּעיפּער“ (טאָג־צייטונג). זיי האָבען נאָר מוירע פאַר די צו גרויסע „עקספּענסעס“ (הוצאות). האָב איך זיי געזאָגט, אַז ווען זיי וואָלטען ניט געווען קיין באַטלאָנים, וואָלטען זיי שוין לאַנג געהאַט אַ גרויסן פּעיפּער, נאָר זיי פאַרשטייהען ניט ווי אַזוי צו מענעדזשען אַזאַ פּעיפּער. זיי דאַרפען בלויז דרוקען יעדען טאָג די רעיסעס פון די פערדלעך און הינטלעך. ווייל דאָ די מענשהייט קויפט אַ פּעיפּער, טוט אַ קוק וועלכס פערדעל סיז אַריין און מ'וואַרפט איהם אַוועק. פאַרשטייהט זיך, אַז אַלע אידען וואָלטען געקויפט דעם אידישען פּעיפּער, ניט עפּשער? נאָר ווי האָט איהר מיר געזאָגט פלעגט איהר זאָגען, אַז אייער שוויגער זאָגט — מיין קאָפּף וועל איך אויף זיי ניט אַרויף זעצען.

איצט מוז איך אייך זאָגען, אַז דער געדאַנק וועגען אַ קעניג פאַר יעסראָעל איז זעהר אַ קלוגע זאַך. איך וויל נאָר וויסען אויב איהר וועט נאָר מאַכען אַ קעניג אָדער אַ קייזער. „איי טהינק“, אַז אַ קייזער איז גרעסער און מען וועט איהם מעהר „רעספּעקטען“. איך האָב גערעט מיט עטליכע „פעלס“, זייה זענען געפעהרליכע ציוניסטען. זייה האָבען זיך אָהנגעכאַפּט מיט ענד און פּיעס, נאָר קיין געלט האָבען זייה דאַווייהל ניט געגעבען, ווייל מען קען ניט אַרויס שיקען פון לאַנד, אָבער זייה האָבען ציגעזאָגט, אַז איהר וועט מאַכען דעם קייזער, וועלין זייה קויפען אַ שהיינע יוניפאָרעם מיט גאָלדענע „פּאַלעטען“ און גאָלדענע שניערען מיט אַ סאַהך מעדהאַילען און דאָס שיקען דעם קייזער אַ מאַטאַהנע. אָבער דאָס בעסטע וואָלט געווען, אַז איהר זאָלט אַהער שיקען אַ דיליגאַט, ווהייל דאָ איז אַ מאָדע, אַז עס קומען דיליגאַטען, מאַכען „מיטינגס“, האַלטען „ספּיטשעס“ און די היגע מענשהייט אָדער זייה גיבען יאָ, אָדער נישט. יענע וואָהך איז געוועזן אַ פרומער דיליגאַט פון, פון, „אַמטירע קאַרטען“ (נטורי קרתא) איך זאָל אַזוי ניט וויסען פון בייז, ווי איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ כאַיע דאָס איז. איך בין געווען אַ באַלען צו גייען אויף זייער מיטינג, איז דער דיליגאַט אַרויס געקימען אָף דער „סטעידזש“ (בינע) און געזאָגט, גערעט און גערעט און דער אוילעם האָט זיך זעהר געפרייט, און ווען סיז געקומהען צום געלד געבען, איז געוואָרהען אַזאַ געשטיפּעניש ביים טיהר, אַז איך בין קוים אַ

לעבעדיגער אַרויס.

שוין, איך בין שוין „עגזויסטעט“ (אָן כוח) פון שרײַבן דעם „לעטער“, מעהר וועל איך ניט שרײַבן, ס'איז ניט קיין אידישע אַרבעט, איך וועל ליבער פאָהרען קיין יעסראָעל, איידער צו שרײַבן. ענטפערט מיר באַלד. אַ אידישער שרײַבער אין „לייענס“ האָט מיך געבעטען, אַז איך זאָל אייך אָנפרעהגען אויב דער פעטער טויוויע איז שוין געווען אויפן „שאָר האַניסקעלס“ קיוועך און ווי דער קיוועך געפינט זיך...

איך טיע אייך אַלעמען גריסען ערצליך פון מיר אייער שיטעף דייוויס.

וואָס כ'האָב פאַרגעסען אייך צו שרײַבן. עס זאָלן פון לאָנדאָן אַ כעוורע ראַבאָנים פאָהרען קיין מאָסקווע, וויל מיט זייה מיט פאָהרען זייערס אַ מאַכער, איז אָבער דאָס אומגליק וואָס ער האָט ניט קיין באָהרד און כאַווער קרושטשעוו וועט איהם ניט אַראַן לאָזען קיין סאָהוויעט רוסלאַנד אָהן אַ באָהרד. דער עמעס איז, אַז די ראַבאָנעם ווילען איהם ניט מיטנעהמען. נו, קריעגט מען זיך אַרום. האָב איך יענע וואָהך געטראָפען אַ ראַף, זאָג איך איהם, רעבע, אויב איהר וועט אייך לאַנג אַרומקריעגען וועט ביי אייער מאַכער אויסוואַקסען אַ באָהרד און איהר וועט איהם מוזען מיטנעהמען... מיט דעם בריף ענדיג איך מיין שרײַבען, ווארים שרײַבען דאַרף מען קעהנען. איך זאָג אייך צו, אַז איך וועל מיערצעשעם (אי"ה) נאָך קומהען צון אייך און מיר וועלען מאַכען די עמעסע ביזנעס.

30־טען נאָוועמבער. סעם דייוויס.

## מ. לערמאַנטאָוו

# די צויבער-תפילה

פון רוסיש: רחל דון-יחיא

אין אַ מאָמענט פון לעבן שווער אַ גרויל,
טיף אין האַרצן דער אומעט דריקט,
אויסווייניק איך ווידערהויל
אַ צויבער־תפילה וואָס באַזיגט.

אַזאַ טרייסטפולער כח
דער קלאַנג פון לעבעדיקן וואָרט,
גרינג נעמט אָטעמען האַרץ און מח
די פראַכט די הייליקע פון דאָרט.

די שווערע משא — אַלע ספקות —
פון האַרצן קייקלט זיך אַראָפּ,
און עס גלויבט זיך, און עס וויינט זיך
אַזוי לייכט, לייכט יעדער טראָפּ...



## משה דאָמב

# אויף דער זעלבער ערד

אַרום כמיעלניקער און אָסטראָווצער געגנט האָבן זיך געצויגן די וועלדער פון „דעם הייליקן קרייץ“ מיט געדיכט־בערגיקע, שוואַרץ־פּאָספּאָרנע פאַרנעפּלטע פּאַסמעס, פון דיקע, אַלטע סאָסנע, דעמבענע ביימער. אַרום די ראַנדן פון די וועלדער האָבן זיך געשלענגלט אויסגעוואַקסענע, ווילדע מאַלינעס, יאַגדעס, בערלעך און שטעכיקע דערנער, און דאָ און דאָרט האָט געוואַקסן אַ ווייס שלאַנקער בזשאָזע־בוים, אַ ווייך גרינער, סאַמעטענער טרוקענער מעך האָט פאַרשמעקט די געגנט. ווי מ'האָט דערציילט, זאָלן זיך די וועלדער ציען העט, העט ווייט איבער שטעט, דערפער, טייכן, אָזיערעס, בלאָטעס, זאַמדיקע פּיראַמידן, אַזש ביז סיביר. צווישן אָט די וועלדער זיינען געווען אַ סך יידישע שטעטלעך, און אין איין שטעטל נעבן די וועלדער האָט געוווינט שלום פאָלקער, ער האָט געפּאָלקט אויף חתונות ביי יודל קלעזמער מיט זיין קאַפּעלע. אין דער געגנט האָט מען אים גערופן שלום ראַקאָווער, ווייל ער איז געבוירן און געווינט אין ראַקאָוו, ער איז געווען כמעט דער קלענסט־געוויקסיקער אין שטעטל, מיט אַ קיילעכיקן קאָפּ, ווי אַ פּאָלק, מיט כיטרע פּיטשינקע, שנעל לויפנדיקע אויגעלעך, און אַ דינע לאַנגע פעליקאַן־נאָז. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן מעשות וועגן וואַלד־גזלנים, און וועגן זיין וואַנדערן אין פרעמדע מדינות, ווען ער איז אַנטלאָפן פאַר גנבות. שלום פאָלקער פלעגט העלפן אַרימע, אַהיימנעמען אַן אורח אויף שבת, און פלעגט זאָגן: „ווער ס'באַהאַנדלט שלעכט אַ מענטש אין זיין האָעז, איז ערגער ווי אַ קרעציק־ווילדע מאָעז“. שבת פאַרנאַכט פלעגט ער דערציילן פאַר די בית־המדרש יידן, ווי אין אַ קאַלטן שנייאיקן ווינטער ווען דער כמיעלניקער צדיק ר' מרדכהלע איז דורכגעפאָרן די ראַקאָווער וועלדער, מיט אַ פּאָר יידן, אויף אַ שליטן זיינען זיי באַפאַלן געוואָרן פון וועלף. האָט ער, שלום פאָלקער, מיט זיין חברה פאַריאָגט די וועלף און מציל געווען דעם צדיק מיט די יידן. דערפאַר האָט אים דער צדיק אָנגעווינטשן, אַז ווען ביי אים וועט געבוירן ווערן אַ זון, זאָל ער זיין אַ גוטער לערנער און אַ גוטער ייד, און זאָל טון נאָר גוטס...

ווען ס'איז געבוירן געוואָרן ביי שלום פאָלקער אַ זון, האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן איציק, ער איז געוואַקסן געזונט און געהאַט אַ גוטן קאָפּ צום לערנען, און דערצו אַ ווילדע נאַטור, אַ צעלאָזענער, געהאָפּסעלט, געשפּרונגען מיט אַ שקצישן האָפּ־לאַ־לאַ, אויף יעדן געשפּיגן און געשריגן, געהאַקט שויבן ביי די שכנים, געוואָרפן שטיינער, געגנבעט עפּל מיט אַ לאַנגען גענאָגלטן שטעקן ביי יוסל קאַטרינאַרזש דעם סאַדאָווניק, אָפּגעהאַקט די עקן ביי היינטעלעך און קעצלעך אין נתן פּעפּערס הויף, כסדר זיך געקריגט דאָרט מיט די ווייבער און געריסן זייערע האָר, געוואָרפן שטעכלקעס אויף שרה טעמערלס קינדער, געשמיסן מיט פּאָקזשיוועס דעם משוגענעם דוד מיט דער לאַנגער נאָז, אויסגעקלערט כאָפּ־לאָפּ־צאַפּ, קעסטלעך אויף טויבן, געמאַכט מיט פערדישע וויל־

האָר, פאַרקויפט די טויבן אין די דערפער. ווען די בעלי־בתים פון די טויבן פלעגן אים כאַפּן ביי די גנבישע שטיקלעך, פלעגן זיי אים גוט צעשלאָגן און אָהיימשיקן אַ נאַקעטן, אַ פאַרוויינטן, מיט צעבעטשעטע ווערטער: „אוי, טאַטע, טאַטע!" האָט טאַקע שלום ראַקאָווער מער נישט געקענט אויסהאַלטן פון זונס צרות, ער האָט אים אָנגעשריגן, און אויסגעלאָזט צו זיין ווייב, די הויכע עטל, אַז זי זאָל אים גלייך אַרויסנעמען פון חדר, און פירן קיין כמיעלניק אין בית־המדרש אַריין. איציקס מאַמע, די הויכע עטל, האָט איציקן גלייך זונטיק אַוועקגעפירט קיין כמיעלניק, צו איר שוועסטער, די בלינדע איידל, וואָס האָט געוווינט אין די שידלאָווער גאַס.

איציק האָט גוט געלערנט אין בית־המדרש, אָבער אויך דאָ האָט ער אָנגעטון גרויסע צרות, געשלאָגן זיך מיט די בית־המדרש יונגען, געקראָכן אויפן בית־המדרש דאַך און אַריינגעוואָרפן שטיינער דורך די בית־המדרש פענסטער, צוגעקלעפט דעם בטלנס באָרד צום טיש ווען ער איז איינגעשלאָפן, געגנבעט פון די בית־המדרש־יונגענס טאַשן, זיך אַמאָל באַקלעפט און באַנייט מיט שמות, און זיך גערופן „יוסל שמענדרעק" און זיך באַרימט פאַר די יונגען, אַז ער וויל אַזוי פליען אין הימל אַריין...

אָבער דער שוואַרצער זקן מלמד פלעגט טרייסטן איציקס מאַמע, די הויכע עטל, אַז דער רבונו של עולם וועט אים אַלץ מוחל זיין פאַר זיין גוט לערנען און חכמה. די בית־המדרש יונגען פלעגן אים דערווייל גוט שלאָגן און פלאָגן, רייסן שטיקער בגדים, רייצן זיך מיט אים און דערביי זינגען:

איטשע, פיטשע, קוויטשע, פוי,
קען באַגנבענען אפילו אַן איי פון אַ פלוי...

אָט דאָס האָט אים אַממיינסטן ווי געטון און גערייצט, געקרענקט טיף אין דער לעבער. איז ער שנעל געלאָפן צו זיין מומע איידל מיט אַ ביטער געוויין, אַז ער וועט נישט גיין מער אין בית־המדרש אַריין. האָט אים דערפאַר די בלינדע איידל אָנגעדונגען צום בעסטן מלמד אין כמיעלניק, צו דעם טויבן אלתר־שיע. ביים טויבן אלתר־שיע איז איציק געווען דער בעסטער לערנער, דערפאַר האָבן אים די יונגען געשלאָגן און געקוקט אויף אים מיט קנאה־שנאה. אָבער פסח קצבס בנים און האַרצקע קצבס בנים האָבן געהאַלטן מיט איציקן, ווייל זייערע טאַטעס האָבן געקענט איציקס טאַטע, שלום פאָלקער, ווען ער איז נאָך געווען אַ גנב. אָבער מיט איינמאָל האָבן זיך אַלע צעבונטעוועט אויף איציקן און אים צוגעזונגען דאָס אַלטע לידל: איטשע, פיטשע, קוויטשע פוי... ס'האָט אין אים דערפאַר אויפגעקאָכט אַזאַ יוכעדיק בלוט, דערהערנדיק דאָס לידל, אַז ער האָט אַזש געכאַפּט די רביצינס הייס־געקאָכטן טאָפּ באָבעס און צעוואָרפן איבערן חדר, און אַנטלאָפן פון לערנען אויף אייביק, מיט די ווערטער: „זכות אבות זאָל ענק הרגענען". איציק איז געוואָרן אַ געהילף־מעקלער פון פערד, ביים סטאַטעטשנע בעל־הבתישן בעל־עגלה און פערד־הענדלער, קיווע דראָשקאַרזש, פון די קעלצער גאַס, ביי די קאַלך־אויווענס. איציק האָט זיך אָנגעטון אַ לעדערנע קורטקע, אַ דראָשקע־הוט מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק,



יוכטענע שטיוועל, און אין די שטיוועל פאַרשטעקט אַ בייטשל.

קיווע דראָשקאַרזש האָט נישט געהאַט קיין קינדער, האָט ער דערפאַר איציקן געהאַלטן און געגעבן שבת צו עסן, מיט דער צייט אים געמאַכט פאַר אַ יאָלד, אָנגעטון אים ווי אַ דייטש, מיט אַ לאַנגען שניפּס און האַרטן קאָלנער, מיטגענומען אים אויף יאַרידן, אויסגעלערנט אים רעדן מיט די פויערים, פּאַטשן אין די הענט, פאַרשרייען אַ פּרייז, איינרעדן אַ שלעכט פערד, אויספּרוּוון אַ פערד, קוקן אין די ציינער, מאַכן אַ פאַלטשן ווידל, איבערפאַרבן אַ גראָ פערד אויף אַ קאַשטאַן, שלעפן די הונגעריקע פערד אין מיטן נאַכט צום ברייערס לאַנקעס, און אין הייסע זומער־טעג צוואָגן און באָדן די פערד ביי פישל רובינס מיל. דער גוט־האַרציקער קיווע דראָשקאַרזש, מיטן ניקאָלאַיסקע בעל־עגלהשן הוט און שפּיגל־גלאַנציקן דאַשעק און קורץ צעקנייטשטע קאָזאַצקע יוכטענע דזשעגעכץ שטיוועלעך, האָט איציקן זער ליב געהאַט, כמעט ווי אַ זון, אים געגעבן אַ סך געלט, און צוליב דעם האָט זיך איציק אויסגעפּיאַקעוועט ווי אַ גרויסשטאָטישער, ווילער יונג־דראָשקאַרזש, מיט לאַקירטע שטיוועלעך, קראַטקענע ספּאָרט־הויזן מיט ברייטע פּרעס־קנייטשן, און ניקאָלאַיסקע ברייטן גלאַנציקן דאַשעק הוט, און יעדן שבת נאָכמיטאָג שפּאַצירן איבערן כמיעלניקער מאַרק, מיט פסח קצבס יונגען, און שמואל אַבאָלס מיידן, קנאַקן באַניע־קערן, און זינגען: „דער טאַטע איז אַ סמאַרעוואָדניק"... און נאָכדעם צום ווייסן איטשעס שענק, אויפגעשטעלט אַ פעסעלע ביר, זיך אונטערגעשיכורט, און היידאַ צו דוד שניידערס שטובן טאַנצן אַ טשאַרלסטאָן, און איציק, אַ רויטער אויפן פּנים, אַ דערשוויצטער, פלעגט אָנפירן מיט די טענץ, פאַרבויגן זיין פוכיק־געלאָקטן קאָפּ אין אַ זייט, אויפהויבן זיין רעכטע האַנט, פאַרבייגן די האָרעפּאַשנע גראָבע דלאָניע, קנאַקן מיט די גראָבע פינגער, און דערביי צופייפן, און הויך שרייען: „קאָלעצשקאָ, מיידן, יונגען"...

ווען די בלינדע איידל האָט דערזען, אַז איציקן לעבט זיך אַזוי וווּיל, האָט זי אים כסדר איינגערעדט פאַר אַ כלה איר טאָכטער, די רויטע צביה. זי פלעגט אים איינראָמען אין אויער, מיט געסמאַטשקעטע ליפּן שעפּטשן: „איטשע לעבן, איטשעלע קרוין, טייערע צוקער־באָבע, וועסט האָבן אַ מיידל אַ בראַליאַנט, חלילה נישט אָנגערירט... קאָכן, פאַרריכטן זאָקן, וואַשן און צוואָגן, און ווער זאָגט שוין, רעדן און זאָגן"...

אַז די מומע איידל האָט אים כסדר געמוטשעט, צביה אַהין און צביה אַהער, האָט ער אַ בליאַסק געטון מיט ווילדע רויט־וואַסערדיקע בייזע אויגן, ביים נאַכט־עסן, מיט אַ געבלימטע שיסל הייסע לאָקשן און פאַרפל, גענומען די הייסע שיסל עסן און צעוואָרפן אויפן דיל, שרייענדיק: „צביה, שמיוויע, ביוויע! מומע איידל, צביה איז שוין לאַנג נישט קיין מיידל!"... געכאַפּט דעם לעדערנעם ראָק, פאַרהאַקט מיט אימפּעט די טיר, אַ זאָג געטון „אַ כאָלערע" און איז אַוועק אויף אייביק פון די מומע איידל.

איציק האָט געוווינט ביי שיע ביק, דעם קאָם־מאַכער, אויפן בוסקער שאָסיי, נעבן די יאַפּאַנטשיקעס גאַרבערייען, ער האָט ליב געהאַט דעם דעמ־

בענעם געמיש מיט פעל־ריח, און דאס קראַקן פון קראען. דאָרט אויפן בוסקער שאסיי בערגל האט ער אויפגעלעבט, פארליבט זיך אין די שיינע זיסל ביק, אונטער מאלינאווסקיס גארטן איר געזונגען טרויעריק פארליבטע לידער, פרייטאג צו נאכטס געגאנגען מיט איר צום שידלאווער וועלדל, נעבן צמענטארזש, געזעצט זיך אונטער די אקאציע און קאשטאן בוימער, פארבויגן צעפיעשטשעט געטוליעט זיך צו איר, גענאגט צוקערקעס און געסמאטשקעט טשאקאלאד, און אין ארבל־ארעם, באהאלטן מיט מורא פארן פרייטאג צו נאכט, גערייכערט א ציגארעטל, און שטיל שעפטשענדיק דערציילט איר אז די דארפס שיקסעס רופן אים הויך: „איצוש, איצוש, ביזט שיין ווי דער הייליקער וויצוש". די שיינע זיסל, מיט די מאלינע־ליפן און ווינטרויבן־אויגן, פלעגט דערביי כיכקען, ציטערן פאר פרייד און לאכן מיט פאליענדיקע, יערנדיקע באקן. איציק איז געווען פארליבט מיט א ציטערדיקע פרייד און מורא, ווייל מאיר יואל בעקערס קוקט עפעס צופיל אויף זיסלען, האט ער דערפאר צוגעאיילט שנעל חתונה צו האבן מיט זיסלען. און ער האט געקלערט וועגן געלט, א סך געלט. האט ער גענומען אמאל אין א פינסטערער נאכט דעם הויכן שעפסלס יונגען און אוועק קיין ראקעוו, און באפאלן דעם ראקעווער רב מיט די רביצין, צוגענומען ס'צירונג מיטן געלט. ס'האט זיך געטון חושך ארום אלע שטעטלעך, ביז די מעשה איז דערגאנגען צו איציקס טאטע, שלום פאלקער, וועלכער האט אגב שטארק געהאלטן פון ראקאווער רב, אים גערופן „דער צדיק", אים שטענדיק געשיקט שלח־מנות עטלעכע לעבעדיקע העכטלעך פון ניישטאטער ווייסל, געשיקט שאלות פרעגן, געפאלקט אויף חתונות ווו דער רב פלעגט געבן חופה־וקידושין.

האט טאקע שלום דערשמעקט, אז דאס איז זיין זונדלס ארבעט, איז ער שנעל געלאפן צום וואכמייסטער, וואס מ'האט אים גערופן „ס'קאזיקל" און געמסרט זיין זונדל איציקן. ער פלעגט זאגן: „ס'ארע חוצפה און העזה ס'האט צו באפאלן אזא צדיק, געזען הא? א־ווא, ווא־ווא, נו געזען אזא גזלן?"...

איציקן האט זיסל געזאגט, אז דער וואכמייסטער פון שטעטל, „ס'קאזיקל" זוכט אים. האט איציק געבעטן די מאמע, זי זאל מיט אים פארן קיין קונעוו, ווו שלום איז פונקט געווען אויף א חתונה ביי מאיר בעל־עגלה, אז דער טאטע זאל אויס רחמנות צוריקציען די מסירה, און אים ראטעווען.

ווען שלום פאלקער האט פלוצלינג דערזען זיין תכשיט איז אים אזש נישט גוט געווארן, און געשריגן צום ווייב: „נעם אוועק דעם טריפהנעם בענקארט פון מיינע אויגן!"... און דערביי האט ער מיט ווינקענדיקע אויגן דערלאנגט דעם ווייב א געגנבעט פלעשל ספיריט פון דער חתונה־שמחה. האט ס'ווייב אים דערווייל פאררעדט מיט זיסע ווערטעלעך: „שלום־קרוין, שפיגל־מיינער, אוצר־לעבן, האניק־קיכל, זע, דער יונג האט דאך א קאפ, מ'קען מאכן פון אים, כ'ווייס וואס, דו הערסט, זאל דער הימל כאטש הערן, א דראשקארזש, זאל דער הימל הערן, א גוטן פערד־הענדלער, זאל דער הימל הערן, ס'שפילט א ראלע אזא יונג, א צאצקע לעבן"...



שלום איז ארויס פון די כלים, געכאפט אן ארטשעק פון א נעבנדיקן וואגן, און געשריגן: „וואס, א קאפ? א האלצערנעם קנאפ... זאל ער ברענען ווי קין, און מ'זאל אים לעשן מיט בענזין, און די שליפיעס זאלן אים פלאצן, ווי צעבראכענע גלעזערנע טאצן... זאל ער אנטלויפן פון מיינע אויגן, באפאלן אזא צדיק, אוי, אוי, ווא ווא, דער הימל זעט אלץ"...

איציקן איז אזש נישט גוט געווארן, דערהערנדיק דעם טאטנס ווערטער שטייענדיק פון ווייטנס. ס'האט אין אים אלץ געציטערט, אז די לעבער איז אים אזש ווייס געווארן. ער האט געווארט אויף דער מאמע. איציק האט זיך העשנדיק צעוויינט אויף די מאמעס ארעמס, זאגנדיק: „מאמע־קרוין, כ'מוז שוין אוועק אין דער וועלט אריין, הערסט, מאמע? זיי געזונט, און גרוס מיין זיסלען".

איציק איז באלד אריין אין די קונעווער וועלדער, געוואנדערט גאנצע נעכט, ביז ער איז צוגעקומען צו דער אסטראווצער באן־סטאציע, געווארט אויף א צוג, אריינגעכאפט דעם זשמודנע פארבענקטן רויך פון צוג־קוימען, וואס האט אים דערמאנט דער שטעטלדיקער רויך פרייטאג פארנאכט, שבת צונאכטס נאך הבדלה, פון די שטעטלדיקע בעקערייען, און דער פינקערדיקער רויך אין די קעלצער גאס קאלך־אויוונס, נעבן קיווע דראשקארזשס הייזקע.

* * *

איציק איז געפארן מיט שיפן, איבער ווייטע ימים, געווארן איינגעדארט, איידעלער, די אויגן מער פארחלומט, די נאז שפיציקער, די געקרייזלטע האר פוכיקער, דער שטאלצער קאפ און טריט פארבויגן, מיט די הויט־דעקלעך איבער די אויגן. ער האט זיך געפילט ביטער איינזאם, ס'האט אין אים געשטיקט און געדריקט א הארץ־נאגנדיקע בענקשאפט צום שטעטל, שלעפנדיק זיך אליין אין אט דער פרעמדער מדינה. אין די גרויסע שטעט כסדר געקוקט אויף די הויכע הייזער, געהערט דאס געפילדער, געשרייען, ליארמען, אלץ האט אים גענודיעט, און געמאכט מיד שלעפעריק־פארבענקט, און געזען דורך זיינע מידנעפלדיקע אויגן דעם כמיעלניקער מארק, דערשמעקט דעם אפטייקערס מעדיצינען ריח, אויסגעמישט מיטן ריח פון פערדישע קופעס מיסט, מיט לאקירגעפארבטע דראשקעס, דאס האט אים געמאכט זיס טרוימען וועגן די שבתנאכמיטאגס, אין מיטן מארק, מיט זיין חברה, מיט דעם הויכן נטע'ס מיידן, די מומע איידלס מויד, די רויטע צביה, ווי זי קוקט אראפ פון לייבל טראצקעס שטאקיג פענסטער, און פלאצט פאר כעס און קנאה. געבענקט צו זען עפעס א פערד, א קאזע, צו דערשמעקן פערדיש מיסט, אויסגעמישט מיטן פרימארגן פרישן ריח, אנכאפן א פערדישן ווידל, פארדרייען א קאזאצקע קעקס, אדער ארויסרייסן פון ווידל האר, מאכן סטראנעס צום שפילן אין צימבלען, דערפילן דעם שווייסיקן פערדישן ריח, מיט שווייס־רויך, ווויל־יונגעריש א קלאפ טון אין פעטן זאדעק: „עך, דו קאזאצקע, קראסאוויצע"... ער האט דערזען די שווארץ־פארנעפלטע ראנדן פון די ראקאווער וועלדער, מיט די דארפישע שיינע שיקסעס, מיט די פלאקס־קארנדיקע בלאנדע האר, דורכזיכטיק־ווייסע בלוזקעס, מיט רונד־יאדערדיקע ביוסטן, מיט געזונטע רויטע בארוועסע פיס,

צווישן די לאַנקעס, מיט שערפן אין די הענט, שרייען זיי פון ווייטנס: „איצוש, קום, קום, מ׳וועט זיך קושן און דריקן... דאַנאַ דאַנאַ, אין וואַלד וועט קיינער נישט קוקן... אוי איצוש, איצוש, מ׳האָט דיך אַזוי ליב“... ער האָט אַזש אַ ציטער געטון געכאַפּט זיך ביי די האָר, דערמאָנענדיק זיך אין דעם אַלעם. ער האָט זיך שנעל געאײַלט, דרייענדיק זיך אין אַלע עקן, ס׳האָט זיך אים כסדר געדאַכט, אָט־אָט שרייט מען אים נאָך: „ביזט אַ גנב, פון דיין מאַמעס בויך, אַנטלויף נישט, קראַסאַוויצע, העי העי מ׳וועט דיך סיי ווי כאַפּן“...

ס׳האָט אין אים עפּעס אַ שלענגל געטון, פון קאָפּ ביז צו די פּיס, ווי שטריק וואָלטן געפּענטעט זיין לויפן און איילן זיך ווייט אַוועק. ער האָט געטראַכט אַז זיין טאַטע איז אויך אַמאָל געווען אין די מדינה, אַנטלאָפן פאַר אַ פאַרברעכן, אָבער דער הימל האָט אים מוחל געווען, צוריקגעשיקט קיין ראַקאָוו, נאָר אים, צו אַלדע שוואַרץ יאָר, מוטשעט עס און וויל בשום אופן נישט נאָכלאָזן, נישט מוחל זיין. דאָ אין דער מדינה, אַז ער וועט חלילה אַריינפאַלן, אַ־האַ־האַ, איז ער שוין אַ פאַרפאַלענער, אין תפיסה פוילן, ערגער ווי אין פוילן, ווערן פאַרגעסן, פון צרות צעפרעסן, ווערן שוין אין גאַנצן אַ צעבראָכענער מענטש. גענוג צו וואַרטן אויף נסים שמיסים... ער האָט זיך גאָרנישט געקענט פאַרשטיין, ס׳האָט אים כסדר געצויגן און אונטערגעזאָגט, שטיל שעפּטשענדיק: „ראַבעווע, גנבע, כאַפּ־לאַפּ־צאַפּ, אַנטלויף, זיי נישט אַ פּרייער, ביזט דאָך עפּעס אַ תורה־קאָפּ, שפּיי און פייף אויף אַלץ און אַלעמען“... אַן אַנדערש מאָל האָט אים ווי ווער אונטערגעזאָגט: „ע־ע ע־ע, איציק, זיי נאָדל שפּיציק, לאָז דיך נישט, זיי איידל־פיין, פון צרות און עבירות ריין“... ס׳האָט אים געשווינדלט די שטאָטישע ליכט, ער האָט זיך דערמאָנט די מיטננאַכט פינסטערקייט איבערן ראַקאָווער מאַרק, ווען ער איז באַפאַלן דעם ראַקאָווער רב און רביצין, ס׳האָט אים אַזש פאַרפעלט אָטעם ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם, ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז די שטאָטישע פייער־ליכט פאַרוואַנדלען אים אין אַ ריזיקן פלאַם און אין פלאַם ברענט מיט אים די שיינע זיסל און זי שרייט הויך: „איציק, אַנטלויף פון שטאָט, לויף ווו ס׳זיינען פעלדער, וועלדער, דאָרט וועט דיר דער אין הימל מוחל זיין“. איציקן איז אַזש פריקרע קאַלט געוואָרן, ער האָט זיך לייכט אָפּגעווישט דעם קאַלטן שווייס פונם פּנים, ווייטער געוואַנדערט. דער טאָג האָט שוין אַשיג געגראָט, פייגל האָבן געשווישטשעט, ווי צעבראָכענע טעלער וואָלטן זיך געגליטשט, די נאָזלעכער האָבן צעשפּרייט אַריינגעצויגן די פרישע קילע צימערינג שמעקנדיקע לופט, וואָס איז געקומען פון אונטער די הייזערס גערטנער. דאָס האָט אים לייכט־פריש געמאַכט דעם מוח און אינגעווייד, געמאַכט וואַך. ער האָט זיך גענומען אין די הענט אַריין, עפּעס אַן אינערלעכער כוח האָט אין אים אויפגעברויזט, וואָס האָט אים געגעבן אַ זעלבסטגעפיל פון אַ פיינעם, גוטן שטאַרקן מענטשן.

דאָס וואַנדערן האָט אים דערהויבן, געגעבן מוט, האָפענונג צו זיין בעסער. ער האָט געפילט ווי דאָס שלעכטע אין אים פאַרשווינדט מיטן וואַנדערן. ער איז געווען מער מיט זיך, דערנענטערט צו פעלדער וועלדער וואָס האָבן אים דער־



מאָנט אין שטעטל ראַקאָוו, ער האָט געזוכט מיט דערשראָקענע אויגן אויפן האָריזאָנט עפּעס אַ וואַלד, אַוועק אינגאַנצן פון מענטשן, הייזער, דערפער. ער האָט דערזען פלוצלינג זער ווייט אַ פאַרנעפּלטע טונקעלע פּאַסמע פון אַ געדיכטן וואַלד, אָט דאָרטן אַהין האָט אים געצויגן.

ווען איציק איז אָנגעקומען אין וואַלד אַריין, האָט ער דערפילט אין זיך אַ טאָפּלטע שטאַרקייט, געמישט מיט אַ שטילן רחמנות אויף זיך און זיסלען. ער האָט געוואָלט רעדן עפּעס צו וועמען, לייכטער מאַכן ס׳האַרץ, געפינען ביי אימיצן אַ טרייסט־וואָרט, אָבער געהערט בלויז דאָס רוישן פון וואַלד, און אַן עכאָ פון אָפּגעבראָכענע צווייגן, העט טיף פון וואַלד ערגעץ. ס׳האָט אים דערמאָנט אין די היימישע וואַלדישע ווילדקייט, אָט די ווילדקייט אַרום זיין היים האָט אים דאָס געמאַכט פאַר אַ פאַרברעכער, געמישט זיך מיט שקצים און דאָרפס גנבים. ס׳שטעטל האָט אים געמאַכט פאַר אַ לערנער. איציקן האָט זיך געדאַכט, אַז דער וואַלדישער עכאָ איז פון הימל, עפּעס סודותדיקס געטליכעס, האָט ער געבעטן צום וואַלד עכאָ מיט אַ ווילד הייזעריק קול: „רבונו של עולם, זיי נישט קיין נוקם ונוטר, זיי־זשע מיר שוין איינמאָל מוחל, משפּט מיך אויב כ׳בין שולדיק“... אַ שטילער עכאָ איז צוריקגעקומען: „שולדיק, שולדיק“... ער האָט דערהערט דעם עכאָ, איז ער געפאַלן צו דער ערד אַ וויינענדיקער, אַ פאַרפּייניקטער, געבעטן אַז אויב דער הימל וויל אים נישט מוחל זיין, זאָל די טייערע מאַמע־ערד אים מוחל זיין... ער האָט זיך איינגעקלאַמערט מיט זיינע אָרעמס אין דעם פריש־ווייך שמעקנדיקן וואַלד־מעך, טיף אין דער ערד אַריין געיאָמערט: „דו, ערד, ביזט מיין מאַמע איצט, זע, דער טאַטע פון די הימלען וויל מיר נישט מוחל זיין, טאָ זיי דו מיר מוחל, נעם מיך אין דיינע אָרעמס, דערוואַרעם מיין האַרץ, נשמה, טוליע מיין גוף, און הייל מיך, יאָ, יאָ, הייל, טייערע ערד“... ער האָט געטוליעט זיין פּנים טיף אין מעך, כדי אָנצוטאַפּן די זעלבע ערד פון דער היים. אַ שמעקנדיק־פוכיקע וואַרעמקייט האָט אים איינגעשלעפערט, מיט אַ חלום, וואָס מאַכט פאַרלירן דאָס שלעכטע אין זיך. ער איז מער פאַרזונקען אין מעך, ביז זיין גוף האָט דערפילט די זעלבע היימישע ערד וואָס איז אים אַלעס מוחל...

## שמואל ווהייט

## ביי ס. פאַלמעס קבר

איך בין צו דיין קבר דאָ
היינט ניט געקומען,
אַ מצבה דיר צו שטעלן;
איך באַוווּנדער בלויז די רו,
וואָס האַלט דעם דיכטער שויס
אַזוי צאַרט אַרומגענומען.
דיין מצבה האָסטו נאָך
ביים לעבן דיר געבויט;
לעבן האָט זיך ניט געשווינט,
טעג האָבן פאַר דיר בלויז געגרויט.

דאָך מיט דיין זוניקן געזאַנג
האָסטו פאַרטריבן פּיין און נויט,
יעצט האָט מען דיך דעם דיכטער
מיט אַ מצבה באַלוינט.
דו טרוימער „קינדער פון מאָרגן“
דו האָסט דאָ „חלום לאַנד“ דערגרייכט;
דאָס וואָס לעבן האָט דיר ניט געגעבן
האָט פאַרגיין דיך אַזוי באַרייכט.
יעצט הער איך די שבחים דאָ,
דערזע די העלע נאַכט,
ווי ס׳לייכט אַרויס פון טונקל גראָ.

ר. היישעריק

## די גבורה פון ים

אויסגעברויזט האָט זיך דער ווילדער ים,
און ליגן געבליבן אויפן רוקן אָן כוח,
פון צייט צו צייט גיט ער אַ שפּיי נאָך מיט שוים,
אָבער די כוואַליעס, זיי גייען ניט הויך . . .

ווי אָדלערס, די פייגל ביי זיך אַזוי זיכער
שווימען געטראָגן פון ווינט,
און די כוואַליעס שלעפן זיי גיכער
און טראָגן אַוועק זיי געשווינט.

דער הימל פון בושה, זיין פּנים פאַרדעקט,
מיט אַ געדיכטן שלייער פון כמאַרעס אַצינד,
אויך די זון האָט שעמעוודיק איר פּנים פאַרשטעקט,
און טוט מיט גנבה אַ בליק צו דעם ווינט.

נאָר דער ווינט איז שוין מיד פון שפּילן צו שטאַרק,
דורשטיק, פּאַקט ער איין זיין טראָמפּייט,
אין רעגן, האָט לאַנגזאַם געקילט שוין זיין קאַרק,
ווען ער האָט זיך שלאָפן געלייגט.

ווינדיק צופּיאָשעט שפּרינגען די כוואַליעס
און רייסן מיט געוואַלט, זיך צום ברעג,
שטומיקער צאָרן פון ווייסע באַלוואַנעס,
שלעפּן לאַנגזאַם די שטיינדלעך אַוועק.

פון טיפקייט פון ים קומען געשווימען
פלאַנצן, אין גרינעם געקלייד,
און מיט זיי זיינען פיש אויך געקומען
געפאַנגען, אויף ווענטקעס, פאַרדרייט.

די כוואַליעס שפּייען מיט ווייסן שוים
די מענטשן אין פּנים אַריין . . .
דער ווינט יאָגט די פייגל, וואָס האַלטן זיך קוים,
באַלויכטן פון קאַלטן, זונענשיין.

עס דאַכט זיך, אַז אָט ווערט אַלץ שוין צעריסן,
און געשלעפּט מיטן שטראָם אַוועק,
אָבער די כוואַליעס, מיט געוואַלט זיך צעגיסן
און וואַרפן זיך האַסטיק צום ברעג.



וואָלף מאַנקאָוויץ

## א ציקעלע פאר צוויי גילדוין

### קאַפּיטל דריי

דאָס געדודער מיטן איינהאָרן איז געווען איין זאַך, אָבער שמואל האָט זיך געהאַט זיינע אייגענע צרות. שנית איז געווען דער מוראדיקער מעקלין די שלאַנג, נאָר קודם כל סאָניא.

סאָניא איז געווען האָפמאַן דעם קצבֿס טאָכטער, און מסתמא איז עס געווען אַ סך פלייש פאַרוואָס זי איז גראַד געווען דאָס שטאַרקסטע מיידל אין דער געגנט צווישן באָו־טשוירטש און די פלימפּ ביי אלדגייט. מיט גאַנצע פיר צאָל איז זי געווען העכער פון שמואל און האָט געהאַט בלויז דריי מוסקלען ווייניקער ווי ער, און אין יעדן פאַל זיינען עס געווען אַזעלכע מוסקלען, וואָס עס שטייט נישט אָן קיין מיידל צו האָבן. זי האָט געקענט אויפהויבן שמואלן אַזוי לייכט ווי ער דעם קליינעם דזשאָו, און כאָטש זי האָט געהאַט שיקלדיקע אויגן און געווען אַ בייזע, האָט זי אָבער געהאַט אַ זער שיינע פיגור. אַ געוויסן טאָג האָט מרס. לעווענזאָן, די קאָרסעטן־מאַכערקע, וואָס האָט זיך אויך פאַרנומען מיט שדכנות, אים אַריינגעפירט צו די האָפמאַנס אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס צו דער סעודה, און איידער וואָס־ווען איז ער געוואָרן סאָניאס חתן. דאָס טאַקע איז געווען זיין ערשטע צרה, ווייל כאָטש תנאים איז טאַקע אַ גאַנץ גוטע זאַך, וואָס אָבער טויג עס אויב איר האָט נישט קיין רינגל עס צו באַווייזן? און סאָניא האָט נישט געהאַט קיין תנאים־רינגל.

דאָס דאָזיקע רינגל — סאָניא האָט עס נישט געקענט בשום אופן פאַרגעסן אַפילו אויף איין מינוט. אין די אָוונטן אָדער סוף וואָך, ווען זיי פלעגן זיך איבן צוזאַמען מיט אויפהויבן שווערע געוויכטער, האָט זי פשוט דאָס נישט געקענט פאַרגעסן. טאָמער האָט שמואל געזאָגט „איך האָב אָנגעשטרענגט אַ מוסקל״, דאַכט זיך אַ גאַנץ איינפאַכע זאַך; פשוט „איך האָב אָנגעשטרענגט אַ מוסקל״.

— אַ מוסקל האָסטו? — פלעגט זי דעמאָלט אַ פרעג טון, מאַכנדיק אַ גרימאַסע.

— דו זאָרג דיך נישט וועגן מיר, — פלעגט שמואל איר אָפּענטפערן, — איך האָב גענוג מוסקלען.

— כ'האָב פאַרגעסן, — פלעגט סאָניא ווייטער טענהן, אויפהויבנדיק אַ שווערע שטאַנג־אייזן — דיר פעלן אייגנטלעך בלויז בריליאַנטן גראָד איצט.

— תמיד האָט זי בלויז געטראַכט פון תנאים־רינגלעך.

כדי גערעכט צו זיין לגבי סאָניאן, מוז מען זאָגן אַז אַלע מיידלעך אין דער פאַבריק פון בלוזקעס, וווּ זי האָט געאַרבעט, האָבן איר נישט געגעבן קיין מנוחה. יעדן טאָג האָט אָדער די אָדער יענע זי שטאָכעלירט וועגן דעם תנאים־רינגל. „אַ קאָמישע זאַך״, האָט די בלאָנדע דבורה — אַ בלאָנדע! — געזאָגט, „אַ קאָמישע זאַך, אַ בחור דערקלערט זיך דיר אין ליבע, נאָר גיט נישט

קיין תנאים־רינגל. ביסטו טאַקע גאַנץ זיכער, סאָניאַ, אַז ער וויל מיט דיר חתונה האָבן?" און נאָך ערגערס פלעגט פּאַסירן. טײַלמאָל זיינען די מיידלעך בכיוון איר פאַרבײַגעלאָפן הין און צוריק, באַווײַזנדיק זיך מיט די רינגלעך, וואָס זייערע חתנים האָבן זיי געגעבן. און דעמאָלט פלעגט סאָניאַ פילן בײַ זיך אַזוי געפאַלן. נאָר דאָס אַלץ האָט זי דאָך נישט געקענט דערציילן שמואלן. עס איז איר דעריבער נישט מער געבליבן ווי נאָר אים צו יאָדען, ווײַל נאָך אַלעם אַ מיידל אַ כלה האָטזיכער אַ רעכט צו אַ תנאים־רינגל. וואָס איר זאָלט נישט זאָגן, גערעכט איז גערעכט.

ממש צוליבן רינגל האָט שמואל זיך גענומען צום ראַנגלען. פריער אָבער האָט ער אַרויסגענומען די דרײַ פונט מיט זיבעצן שילינג, וואָס ער האָט געהאַט ליגן בײַם בעקער אין דער שפּאָר־קאַסע, און האָט געקויפט מיט דעם געלט אַ גאָלדן רינגל, אין וועלכן ס'איז געווען אײַנגעפאַסט אַ קליינטשיק דימענטל. נישט ווייניקער ווי אין פערצן יואוועליר־געשעפטן האָט שמואל זיך נאָכגעפרעגט איידער ער האָט געפונען אַ רינגל פאַר דער סומע, מחמת יעדער איינער ווייסט דאָך, אַז אַ תנאים־רינגל מוז זײַן אײַנגעפאַסט מיט דימענטן. וואָס ער האָט אָבער דערפון געהאַט, האָט ער זיך געקענט גאַנץ לײַכט אײַנשפּאַרן. יענע נאַכט איז ער אַוועק צו סאָניאַן, זייענדיק העכסט צופרידן מיט זיך, און ווען זיי זיינען געזעסן אַליין אין פראַנט־צימער גראַד ווען סאָניאַ האָט געהאַלטן בײַם אָנהויבן יאָדען אים, האָט ער געגעבן אַ שפּרינג אויף, גענומען לויפן איבערן צימער און שרײַען, „זאָג מער גאָרנישט — האָסט דיר שוין אײַנגעהאַנדלט אַ רינגל!" האָט עס איר געגעבן און אויסגעשטרעקט בשעת מעשה דאָס פּנים אויף אַ קוש.

ווער אָבער קען צופרידנשטעלן ווײַבער? אַ פײַנעם קוש האָט אים שוין דעמאָלט סאָניאַ דערלאַנגט. זי האָט פראַסט פשוט אים געגעבן אַ פּליאַסק אין פּנים אַרײַן און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

— צוויי לאַנגע יאָר וואַרט איך שוין, אַז דו זאָלסט מיך מאַכן בכבודיק מיט אַ תנאים־רינגל, און וואָס האָסטו מיר געגעבן צום סוף? עפּעס אַ שטיקל שמאַטע, וואָס אַפילו טויטערהייט וואָלט איך נישט געוואָלט מען זאָל מיך זען דערמיט! פאַרוואָס, פאַרוואָס האָב איך דיך בלויז אָנגעקוקט? פאַרוואָס האָב איך אײַנגעשטימט צו ווערן דײַן כלה? פאַרוואָס בין איך געווען אַזאַ נאַרישע מויד? פאַרוואָס האָב איך צוגעלאָזט, אַז דו זאָלסט מיך דעמאָלט נעמען קיין עפּינג־פאָרעסט? — דאָס איז געווען אַן אַנדערע זאַך, וואָס זי האָט שמואלן נישט געלאָזט פאַרגעסן, כאָטש ס'האָט דאָרט קיין שלעכטס נישט פּאַסירט.

בקיצור, שמואל האָט געגעבן מר. קאַנדינסקין צו דערקלערן, אַז סאָניאַ האָט פשוט נאָך אַזאַ לאַנגער צײַט נישט געקענט טראָגן דאָס דאָזיקע רינגל, מחמת אַזאַ קליין דימענטל וואָלט זי געמאַכט אויסזען נאַריש פאַר לײַטן. די אַנדערע מיידלעך, מיט זייערע צווײדײַטיקע שמײכעלעך, וואָלטן געזאָגט, „אויף אַזאַ קליין רינגעלע דאַרף מען וואַרטן גאַנצע צוויי יאָר?" און דאָס טאַקע איז געווען די סבה פאַרוואָס, ענטפערנדיק מר. קאַנדינסקיס פראַגע, „פאַרוואָס



ווערן אַ ראַנגלער?" שמואל האָט זיך גענומען צום ראַנגלען. מיט ראַנגלען האָט ער געקענט פאַרדינען גענוג געלט אויף צו קויפן סאָניאַ'ן אַ גרויסן רינג, און דעמאָלט וואָלט זי אפשר אויפגעהערט אים צו יאָדען.

— פאַרוואָס האָסטו נישט גלײַך מיט איר חתונה, וואָלסט דאָך דיר אײַנגעשפּאָרט אַ סך צרות? — האָט מר. קאַנדינסקי געפרעגט. — דאָס וואָלט דאָך געווען די פּראַקטישסטע זאַך!

— וואָס מיינט איר, איך האָב נאָך נישט פּרובירט? — האָט שמואל געענטפערט. — זי לאָזט מיך אָבער נישט צו צו זיך ביז כ'וועל איר נישט געבן דאָס תנאים־רינגל.

— פאַרוואָס האָט איר נישט חתונה מיט עמיצן, וואָס האָט שוין אַ תנאים־רינגל? — האָט דזשאָו געוואָלט וויסן.

— וואָס ווייסט דו פון אַזעלכע זאַכן? — האָט שמואל טרוקן אָפּגעענטפערט.

— מײַן מאַמע האָט נישט קיין דימענטן רינגל, — האָט דזשאָו דערקלערט.

— טו מיר אַ טובה — האָט שמואל געענטפערט, מאַכנדיק אַ סוף צום גאַנצן שמועס. — כ'האָב גענוג מײַנע אייגענע דאגות. דער דאָזיקער מוראדיקער מעקלין די שלאַנג, מיט וועמען כ'דאַרף מיך ראַנגלען, איז שוין גאָרנישט קיין שפּאַס.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס שמואל האָט געהאַט זײַנע אייגענע דאגות, האָט ער דאָך געהאָלפן דזשאָו אויפבויען אַ הייזעלע פאַרן אײַנהאָרן. פון ערגעצוווּ האָבן זיי גענומען פיר פּאָמעראַנצן־קעסטלעך און אַ האַמער מיט טשוועקעס, און בשעת שמואל האָט זיי צונויפגעקלאַפּט זהאָט ער דערציילט דזשאָו'ן וואָס ער וואָלט געטון אויב ער וואָלט נישט געדאַרפט זיך אַנטוויקלען די מוסקלען כדי צו קעמפן מיטן מוראדיקן מעקלין די שלאַנג. „ראַנגלען זיך מאַכט ממש אַ תל פון דיר ווען עס קומט צו פּערפעקטער קרעפּטיקייט", האָט שמואל אים געגעבן צו דערקלערן. — נעם למשל דעם פּרעד הערקולעס, אַלס אַ ראַנגלער טויג ער צו גאָרנישט, אָבער ער איז אַלץ דער אַמבעסטן אַנטוויקלטער מענטש אין דער וועלט. און ווען דו קענסט געווינען אַ טיטל, ווי מייסטער פון דער וועלט, אָדער מייסטער פון אוניווערז, אָדער לכל הפּחות מייסטער פון אייראָפּע, ביסטו אַ פאַרטיקער מענטש. — דאָס דאָזיקע וואָלט שמואל געקענט ווערן, ווען ער רואינירט זיך נישט מיטן ווערן אַ גוטער ראַנגלער. מייסטער פון אוניווערז! דאָס האָט זיך געלוינט צו ווערן. מייסטער פון דער וועלט! איר וואָלט אייך געקענט חתמענען אויף אַנאָנסן אין צײַטונגען און זשורנאַלן: איך האָב מיר אַנטוויקלט מײַנע מוסקלען אַ דאַנק דעם מאכל פון דער אָדער דער פירמע — אונטערגעשריבן שמואל. איך באַנוץ תמיד די אויטאָמאָבילן פון דער פירמע ראָלס־רויס, אונטערגעשריבן שמואל. אַ גאָלד־גרובן וואָלט עס געווען, אַפילו נאָר ער האָט זיך דערפון געמוזט אָפּזאָגן. „אָפּזאָגן זיך פון דעם אַלעם, אַפילו פון מײַן קאַריערע, אַרײַנגערעכנט האָליוואָוד, מחמת אַ סך מייסטערס פון דער וועלט האָבן פאַרענדיקט דערמיט וואָס זיי זענען געוואָרן גרויסע סטאַרס;

בלויז דערפאַר ווייל סאָניאַ דעם קצב האָפּמאַנס טאָכטער מוז האָבן אַ גרעסערן תנאים־רינג ווי יעדע אַנדערע נייטאָרין ביי דער פירמע „געי־דעי בלוזעס“. דערביי האָט שמואל געגעבן אַזאַ קלאַפּ מיטן האַמער אין איינעם פון די פּאָמע־ראַנצן־קעסטלעך, אַז די זייט האָט זיך איינגעבראָכן און מען האָט זי געמוזט פאַרריכטן איידער מען האָט געקענט גיין ווייטער.

ווען דאָס הייזעלע איז פאַרטיק געוואָרן, בשעת שמואל האָט פאַרשטאָפּט די שפּאַלטן דערין מיט לייוונט, איז דזשאו צוריק אַריינגעגאַנגען אין דער ווערקשטעל.

— נו, ווי האַלט עס מיטן הייזל פאַרן איינהאָרן, דזשאָו? — האָט מר. קאַנדינסקי געפרעגט, בליקנדיק דורך דער פּאַרע פונם פּרעסן, און קרימענ־דיק מיט דער נאָז, ווייל נאָך די אַלע יאָרן האָט ער נאָך אַלץ זיך נישט געהאַט צוגעוווינט צום ריח.

— שמואל זאָרגט זיך איבער דער סאָניאַ, — האָט דזשאו געענטפערט.

— זי וויל ער זאָל מאַכן אַ סוף צו זיין קאַריערע, און קיינמאָל נישט האָבן קיין ראָלס־רויס אויטאָ.

— די ווייבער, — האָט מר. קאַנדינסקי אַ זאָג געטון מיט ביטול. — דאָך קענען מיר זיך נישט באַגיין אָן זיי.

— איר באַגייט אייך דאָך אָן אַ ווייב, — האָט דזשאו געזאָגט.

— איך בין שוין אַלט, — האָט מר. קאַנדינסקי געענטפערט. — איך האָב שוין געהאַט מיין חלק צרות.

— איר האָט אויך געוואָלט ווערן וועלט־מייסטער, מר. קאַנדינסקי? — האָט דזשאו געפרעגט.

— צו זיין מר. קאַנדינסקי איז גאַנץ גענוג פאַר מר. קאַנדינסקי, — האָט מר. קאַנדינסקי דערקלערט, פּרעסנדיק שטאַרק מיטן אייזן אַזש ס׳איז געגאַנ־גען אַ וואָלקן פון פּאַרע. — די איינציקע זאַך, וואָס וואָלט מיך צונוץ געקומען, איז אַ סופּער־היץ פּאַטענטירטער דאַמף פּרעסער, ווייל דאָס כסדרדיקע איינ־בייגן מיך ביים פּרעסן מאַכט מיר אָן אַזאַ ווייטאָק אין די קריזשעס. — מר. קאַנדינסקי האָט זיך אויסגעגלייכט, אָנלענענדיק זיך אין דער וואַנט. — ווייסט, דזשאו, מיט אַזאַ פּאַטענטירטן פּרעסער האָסטו ווייניק וואָס צו טון, נישט מער ווי בלויז צו געבן אַן עפן אויף — אַזוי. אַ פּאַרמאַך — אַזוי. דו גיסט אַ דריק אַ הענטל, פּוף, די פּאַרע גיט אַ שטייג אַרויס. דו עפנסט, און די הויזן דיינע ליגן אויסגעפּרעסט. נישטאָ קיין שום שלעכטער ריח, קיין שום שווינדזוכט. נישט ווי איצט, ווען דו מוזט הייס מאַכן די פּרעסאייזנס, פּרעסן אַ ביסל, בשעת מעשה ווערן זיי דיר קאַלט, דו באַנעצט דאָס טוך, פּרעסט נאָך אַ ביסל, מאַכסט ווידער הייס ס׳אייזן, דערביי צעברעכסט דו דיר די קריזשעס, דאָס האַרץ, טאָג איין טאָג אויס.

ווען ס׳איז אים נאָר געקומען אויף דער מחשבה, פלעגט מר. קאַנדינסקי זיך צעלאָזן וועגן דעם סופּער־היץ דאַמף פּרעסער. איינמאָל האָט ער אַפילו מיטגענומען מיט זיך דעם קליינעם דזשאו צו זען אַזעלכן אין אַ פאַבריק אין



קאָמערשל רויד. זיי האָבן זיך צוגעקוקט ווי אַ יינגל עפנט אים און פאַרמאַכט אים בשעת אַן אַנדער יינגל לייגט אַריין הויזן און נעמט זיי אַרויס, און מר. קאַנדינסקי האָט אויסגעזען אַזוי טרויעריק ביים אַוועקגיין.

— אויב מען מוז שוין זיין אַ הויזן־מאַכער, — האָט ער דערקלערט, איז עס באמת אַ שאָד אויב מען קען נישט האָבן קיין סופּער־היץ דאַמף־פּרעסער. — אויפן וועג אַהיים איז ער אַריינגעגאַנגען מיט דזשאון אין אַ רעסטאָראַן, וווּ זיי האָבן זיך געהייסן דערלאַנגען זיסע טיי מיט ציטרין און קיכעלעך.

געוויינטלעך, ווען מר. קאַנדינסקי פלעגט אָנהויבן זאָגן ווי זער ער וואָלט געוואָלט האָבן אַ פּאַטענטירטן פּרעסער, פלעגט דזשאו פאָרשלאָגן כלערליי אופנים ווי אַזוי אָפּצושפּאָרן געלט, כדי אַזעלכן צו קויפן. איצט אָבער האָט ער בלויז געזאָגט, „אפשר וועט אייך מיין טאַטע שיקן איינעם פון אַפריקע אַ מתנה צו אייער געבורטסטאָג“ ווייל לעצטנס האָט ער זיך שוין געהאַט צופיל פאַר־נומען מיט זאָרגן וועגן דעם איינהאָרן.

כל זמן דעם איינהאָרנס הייזעלע איז נישט געווען פאַרטיק, האָט עס זיך אויפגעהאַלטן אין דער ווערקשטעל אונטער אַ פּאָליצע, אין אַן אָרט נעסט גע־מאַכט פון פאַרשיידענע שטיקלעך טוך. אין דער פרי און ביינאַכט פלעגט דזשאו אים פּאַשן, און איבערלאָזן אַ שיסעלע וואַסער און אַ שיסעלע מילך צו טרינקן טאָמער דאַרשט אים. צווישן די מאָלצייטן פלעגט דזשאו רעדן צום איינהאָרן, כדי ער זאָל זיך נישט פילן איינזאַם. נאָר כאָטש ער פלעגט עסן גאַנץ היפשלעך אין דער פרי, האָט ער זיך אָבער נישט געקימערט איבער קיין שום אַנדערער זאַך. ער פלעגט בלויז בליקן אויף דזשאון מיט אַזעלכע טרויעריקע אויגן און פּאַמעלעך זיך וויקלען נאָך אַ בלעטל סאלאַד אין מויל אַריין מיט אַ לאַנגער, רויטלעכער צונג.

— מיר דאַכט זיך, — האָט דזשאו געזאָגט צו מר. קאַנדינסקי, — אַז דער דאָזיקער איינהאָרן בענקט נאָך זיינע טאַטע־מאַמע, אָבער וואָס קען מען טון?

— וואָס קען מען טון? — האָט מר. קאַנדינסקי צוגעשטימט.

— אָבער ווו געפינט מען זיי? — האָט דזשאו געפרעגט.

— אין אַפריקע, מסתמא, — האָט מר. קאַנדינסקי געזאָגט.

— ווי אַזוי זשע האָט זיך דאָס קליינע איינהאָרנדל אַהערגעקריגן? — האָט דזשאו געפרעגט.

— ווער ווייסט? אפשר האָט מען עס דאָ איבערגעלאָזט ווען די איינהאָרנס זענען אַוועק.

— אין דעם פאַל האָט עס דאָך שוין געדאַרפט זיין אַ דערוואַקסענער איינהאָרן, — האָט דזשאו געזאָגט נאָך אַ ווײַלע נאָכטראַכטן.. מר. קאַנדינסקי האָט אַנידערגעשטעלט דאָס פּרעסאייזן.

— יאָ, דזשאו, דאָס איז אַ פראַגע, — האָט ער געזאָגט, — באמת אַ פּראָבלעם. דער דאָזיקער איינהאָרן האָט שוין געדאַרפט זיין אַ דערוואַקסענער.

— ער איז אָבער נישט, — האָט דזשאו געענטפערט, — ר׳איז נישט גרע־סער פון אַ הונט, נישט אַפילו ווי אַ גרויסער הונט.

מר. קאַנדינסקי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט.

— ניין, ער איז נישט דערוואַקסן, — האָט ער ענדלעך געזאָגט, — ווייסטו אָבער פאַרוואָס? ווייל איינהאָרנס קענען נישט סתם אַזוי אויפוואַקסן. עס מוז זיי געזאָגט ווערן ווי אַזוי פון שוין דערוואַקסענע איינהאָרנס, פונקט ווי איך דאַרף עס דיר זאָגן. אַנדערש, ווי אַזוי וועסטו דען אויפוואַקסן? דאָס זעלביקע גילט אויך אויף איינהאָרנס, וואָס, נאָך אַלעם, זענען בלויז מענטשלעך.

ער האָט ווידער אויפגעהויבן ס׳פּרעסאייזן, אויסגעדרייט די פלאַכע זייט זיך צום פּנים, און אַביסעלע אַרויפגעשפּיגן דערויף. ס׳האָט זיך נישט געבלעזלט. „צום טייוול מיט די דאָזיקע אייזנס״, האָט ער אַ זאָג געטאָן. „וואָס איך דאַרף האָבן איז אַ סופּער־היץ פּאַטענטירטן פּרעסער.

יענעם אָוונט ווען דזשאוס מאַמע איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָט זי זיך קודם כל נאָכגעפרעגט וואָס דער איינהאָרן מאַכט. דזשאו האָט איר דערקלערט, אַז דאָס הייזעלע איז שוין געווען כמעט פאַרטיק, נאָר דעם איינהאָרן האָט עס כלל נישט געאַרט, און האָט איר דערציילט וואָס מר. קאַנדינסקי האָט געזאָגט איז געווען די סבה פאַרוואָס דער איינהאָרן האָט איבערהויפּט זיך דאָרטן געפונען.

— אודאי ווייסט מר. קאַנדינסקי, — האָט דזשאוס מאַמע געזאָגט, — ער לייענט דאָך אַזוי פיל ביכער פון דער ביבליאָטעק. כ׳האָב עפּעס אַן איבערראַשונג פאַר דיר, דזשאו. — זי האָט אַרויסגענומען אַ שטיקל כאַלווע, וואָס איז געווען איינגעפּאַקט אין זילבער־פּאַפּיר.

נאָך דער וועטשערע האָט דזשאו געגעסן דאָס שטיקל כאַלווע. האָט עס צעבראָכן אויף קליינע שטיקעלעך, וואָס ער האָט אויסגעשטעלט אויפן טיש, און געגעסן איינס נאָכן אַנדערן. ער איז געווען פאַרטראַכט און אויף דעם אופן פלעגט ער טראַכטן אַ סך בעסער.

ווען דזשאו איז שוין געלעגן אין בעט האָט די מוטער אים געקושט און געווונטשן אַ גוטע נאַכט, און בשעת זי האָט געוואָלט פאַרלאָזן ס׳צימער האָט ער זיך אויפגעזעצט.

— ווייסט, — האָט דזשאו געזאָגט, — מר. קאַנדינסקי וואָלט געוואָלט אַ סופּער־היץ פּאַטענטירטן פּרעסער, און שמואל וואָלט געוואָלט ווערן וועלט־מייסטער, און סאָניאַ שמואלס כלה וואָלט געוואָלט דעם גרעסטן תנאים־רינג אין דער פירמע „געי־דעי בלוזעס״, און דער איינהאָרן וואָלט געוואָלט זיינע טאַטע־מאַמע.

— און וואָס וואָלסטו געוואָלט? — האָט דזשאוס מאַמע אים געפרעגט.

— ווייס וואָס איך טראַכט? — האָט דזשאו געענטפערט. — וואָס וואָלסטו געוואָלט?

—בלויז וואָס דו ווילסט, — האָט די מאַמע זיינע אים דערקלערט. דערנאָך האָט זי אים ווידער געווונטשן אַ גוטע נאַכט; דאָס זעלביקע ווידער אויפּסניי; האָט אים געהאַלזט מיט קושן, געהאַלזט אַן קושן, אים געגעבן איין גרויסן קוש און איניקע קליינע קושן, ווי זי פלעגט עס טון זינט ער איז געווען קליין.



י. ריכטיגער

# איבער די מענטשלעכע פאַנטאַזיע ביים רמב״ם

(עסיי)

אין דעם ערשטן פּרק פון זיינע אַכט פּרקים האָט רבינו משה בן מימון — דער רמב״ם פאַרטיילט אין פינף סיסטעמען די כוחות הנפש: די לעבנס אָדער די גייסטיקע כוחות פון מענטש. דעם ערשטן סיסטעם באַצייכנט דער רמב״ם מיט דעם העברעאישן טערמין „הזן״ אָדער „הצומח״. אין דעם סיסטעם האָט ער אַריינגענומען די אַרבעט פון פאַרצערן און פאַרענדערן שפּייזן און עסנצן, פאַרטיילן די עסנצן איבערן קערפּער, אַרויסוואַרפן דעם אָפּפאַל און דעם מעכאַניזם וועלכער מאַכט די קערפּער־טיילן ווי אויך די האָר און נעגל זאָלן וואַקסן. דעם צווייטן סיסטעם באַצייכנט ער — „המרגיש״. אין אים האָט ער אַריינגענומען די חושים: זען, הערן, אונטערשיידן טעמים, ריחות און פילן די ער— באַרירונג פון אַנדערע ממשותדיקע זאַכן. דעם דריטן סיסטעם באַצייכנט „המדמה״. אין אים האָט ער אַריינגענומען דעם זכרון, מחמת דער זכרון פאַסט ביינאַנד שטיקלעך און ביסלעך און שטעלט צונויף פאָרמען, געשטאַלטן און געשעענישן וועלכע מען האָט געזען, ווי אויך משונהדיקע אילוזיעס און חלומות פון למשל: אַן אייזענע שיף וואָס פליט אין דער לופט, אַ מענטש וואָס זיין קאָפּ גרייכט צום הימל און די פיס שטיין אויף דער ערד אָדער אַ בהמה מיט טויזנט אויגן און דעסגלייכן. דעם פירטן סיסטעם באַצייכנט ער — „המתעורר״. אין אים האָט ער אַריינגענומען די אייגנשאַפט פון גליסטן און ניט גליסטן — וואָס מען האָט חשק צו טון און מען האָט ניט קיין חשק צו טון אָדער מען פאַרמיאוסט זיך און מען עקעלט זיך צו טון, ווי אויך די כוחות פון באַוועגונג און געפיל: דער כוח פון די הענט צו אַרבעטן, פון די פיס צו גיין, פון די אויגן צו זען, ווי אויך די אַנרעגונג צו ווערן אין כעס אָדער צו בלייבן רואיק, צו זיין אַ העלד אָדער אַ פּחדן: אַ שרעקעדיקער, צו זיין אַן אכזר אָדער אַ בעל רחמנות, ליב האָבן אָדער פיינד האָבן און דעסגלייכן. און דעם פינפטן סיסטעם באַצייכנט ער — „השכל״. אין אים האָט ער אַריינגענומען דעם כח צו דענקן, איינשאַפן ווי‏סנשאַפט און אונטערשיידן צווישן שלעכט און גוט.

שוין אַז דער רמב״ם האָט דעם כוח הדמיון אַריינגענומען אין זיינע פינף סיסטעמען, זעען מיר שוין די וויכטיקייט וואָס די פאַנטאַזיע שפּילט אפילו ביי דעם גרויסן בר־דעת און בעל־שכל.

פאַר אַלעם איז נויטיק אַנצווייזן אויף דעם וואָס דער רמב״ם האָט געדענקט וועגן טעכנישע מעגלעכקייטן: ער פאַרגלייכט די פאַראויסזעאונג פון אַן אייזערנע שיף וואָס פליט אין דער לופט צו דער אילוזיע פון אַן אומגעהויער הויכן מענטש אָדער אַ בהמה מיט טויזנט אויגן. און מחמת דעם, וואָס לויט אים איז דער כוח הדמיון פון מענטש בכלל ניט קיין בר סמכה: פאַרלעסלעך, האָט ער דעם סיסטעם אויסגעשלאָסן פון האָבן עפּעס צו טון מיט דער צידקות און רישעות אָדער מצוות און עבירות פון מענטש. אין דעם צווייטן פּרק פון זיינע אַכט פּרקים זאָגט דער רמב״ם: „דער סיסטעם פון

הזן און המדמה זיינען אויטאָמאַטן אָן פאַרשטאַנד און אָן בחירה, אַ באַווייז דעריף איז, וואָס זיי טוען זייער אַרבעט אויך בשעת דער מענטש שלאָפט, דעריבער האָבן זיי ניט קיין ווירקונג אויף די מצוות און עבירות״ . . .

אין אמתן, אָבער, איז דער כח הדמיון דער מעכאַניזם וועלכער האָט די צוויי פיסעקע חיה פאַרוואַנדלט אין אַ „האָמאָ־סאַפיענט״: אַ דענקענדיקן מענטש. די פינף חושים אַרבעטן ביים מענטש ניט בעסער ווי ביי אַלע אַנדערע בעל חי: זיי פונקציאָנירן אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען אין קאָנטאַקט מיט די אַנרעגענדיקע אָביעקטן, פאַרשווינדן די אָביעקטן הערט אויף זייער פונקציע. חיות אַזוי ווי מענטשן פילן אין יעדן אבר פון קערפער די באַרירונג פון אַנדערע ממשותדיקע זאַכן, זיי שמעקן ריחות מיט זייער נאָז פון מקורות ביז אַ געוויסן אָפּשטאַנד פון זיי, זיי פילן דעם טעם פון שפייזן ווען זיי עסן, זייערע אויערן נעמען אויף קולות, זיי זעען דאָס וואָס דערשיינט פאַר זייערע אויגן און אָפילו דער זכרון איז אויך ניט שטאַרקער ביים מענטש ווי ביי די אַנדערע בעל חי: דער אייזל פאַלט ניט איבער דעם זעלבן שטיין צוויי מאָל. די איינציקע מעלה פון מענטש איז דעריבער זיין כח הדמיון: אַ קינד וואָס האָט איינמאָל זיך אָפּגעבריט די פינגערלעך מיט פייער וועט ניט מער דערנענטערן זיך צו וועלכן פייער עס זאָל ניט זיין, ווייל דאָס קינד דערקענט ניט בלויז דאָס פייער, ווי דער אייזל — דעם שטיין, נאָר זיין כח הדמיון רופט צוריק אין זיין געדאַנק די גאַנצע איבערלעבעניש.

און טאַקע די צוריקגערופענע פאַרשטעלונגען, פון פאָרמען, געשטאַלטן צוזאַמען מיט די סצענעס אַרום זיי און די געשעענישן, האָבן געשטויסן די צוויי־פיסיקע חיה אויפן וועג צו ציוויליזאַציע: אים געטריבן ער זאָל אויפגעבן די חיהשע אייגנשאַפט פון זוכן ווילדע פרוכטן כדי צו שטילן זיין הונגער און אַנהויבן קולטיווירן די ערד, דורך אימיטירן די נאַטור, און פון צוריקרופן אין זיין מוח זיינע דורכפאַלן און סוקסעסן לערנען, וואָס ער זאָל טון און נישט טון. דער כוח הדמיון האָט אויך די צוויי־פיסיקע חיה געצוווּנגען צו ווערן מאָראַליש. איין איינציקער מנהג ווערט אָפּגעהיטן אין דער גאַנצער וועלט, אפילו פון די ווילדע דזשונגעל איינוווינער, דער מנהג צו באַדעקן די געשלעכטס־אָרגאַנען ביי מענער און פרויען ווען זיי ווערן סעקסועל רייף. צי מיר זאָגן, אַז דער אורשפרונג פון דעם מנהג איז געווען די דערוועקונג פון אַ שעמעוודיקן געפיל ביים פאַרצייטיקן מענטש, וואָס מען קאָן אַרויסדרינגען פון דעם פסוק „ויהי שניהם ערומים האדם ואשתו ולא יתבששו״ (בראשית ב׳) אָדער, ווייל ער האָט מורא געהאַט צו ווייזן זיך נאַקעט צוליב אַנדערע סיבות, ווי מען קאָן דאָס זען פון דעם פסוק „ויאמר את קלך שמעתי בגן ואירא כי עירום אנכי ואחבא״, איז יעדנפאַלס אַ דאַנק דעם כוח הדמיון, וואָס דער פאַרצייטיקער מענטש האָט געהאַט די מעגליכקייט צו דערזען אַז זיין נאַקעטער געשלעכטס־אָרגאַן איז אויפרייצנדיק, האָט אים זיין שכל געקאָנט צווינגען ער זאָל פאַרדעקן די נאַקעטקייט און דערפאַר איז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון מענטש פאַר זיינע אייגענע מעשים געבליבן ביזן היינטיקן טאָג דער באַזיס פון יעדן



מאָראַלישן קאָדעקס.

אמת, דער כוח הדמיון פונקציאָנירט אויטאָמאַטיש, האָט נישט קיין פאַרשטאַנד און קיין בחירה, אָבער ער איז דער אָנרעגער צו טון און צו צענזורירן זיין טון: ווען דער מענטש זעט, הערט אָדער פילט דעם טעם, ריח אָדער די באַרירונג, וואָס ברענגט צוריק אין זיין מוח אַנגענעמע געפילן פון אָן איבערגעלעבטע געשעעניש, דערוועקט זיך ביי אים דער חשק ווידער צו האָבן דאָס זעלבע און ער צווינגט די חושים זיי זאָלן עס דורכפירן, דאַמאָלט מישט זיך אַריין דער שכל און ער אורטיילט צי עס איז יושרדיק, שיין און געזונט עס צו טון. האָט דער באַטרעפנדער מענטש שכל און זיין שכל אַרבעט נאָרמאַל, זיינען די אָנרעגונגען וואָס דער כוח הדמיון פראָדוצירט, מערסטנטייל נאָרמאַלע, ווייל זיין שכל האָט נישט געלאָזט פאַרווירקלעכן די אַבנאָרמאַלע, איז נישט פאַראַן פון זיי קיין שפור אין זכרון זיי זאָלן אַמאָל צוריקגערופן ווערן. און די קלאַס מענטשן זיינען דערפאַר ערלעך, אָרנטלעך און גוט. אָבער יעדער דערוואַקסענער מענטש איז אַמאָל געווען אַ קינד, אַ מענטשעלע אָן דערפאַרונג, מחמת ער האָט דאַמאָלט נישט געהאַט קיין קלאָרן באַגריף פון מענטש און וועלט, זיינען די איינדרוקן אין זיין זכרון פון דער דאַמאָלטדיקער צייט נישט קיין ריכטיקע און ווען דער מענטש איז גייסטיק אָנגעשטרענגט, שמוגלען זיך די אַבנאָרמאַלע אָנרעגונגען אַדורך דער צענזור פון שכל, וואָס מאַכט דעם מענטש אומערלעך, נישט אָרנטלעך און שלעכט.

די מאָדערנע פסיכיאַטרישע שולע באַשעפטיקט זיך מיט דעם פראָבלעם. זינט פּראָפעסאָר פרויד האָט פעסטגעשטעלט אַז אַלע מעשים פון מענטש ווערן באַאיינפלוסט פון די יוגנט זכרונות, וואָס זיינען איינגעקריצט אין זיין אונטערבאַוווסטזיין, זוכן די פסיכיאַטאָרן אויסצוגעפינען ביי זייערע פאַציענטן דעם מקור פון זייערע דמיונות און דורך אויסטייטשן זייערע אילוזיעס און חלומות, העלפן די פסיכיאַטאָרן טויזנטער מענטשן צוריקצובאַקומען דעם גייסטיקן גלייכגעוויכט. אין דעם געהירן פון די גייסטיק שוואַכע קאָנען אַרומשפרינגען אַלערליי משונהדיקע פאָרמען און געשטאַלטן פון אומגעהויערע הויכע מענטשן, פון בהמות מיט טויזנט אויגן און דעסגלייכן, אָבער נישט אין געהירן פון אַ מענטש מיט אַ נאָרמאַלן שכל. אין דעם געהירן פון דעם מענטש מיט אַ נאָרמאַלן שכל קאָן מען געפינען פאַרשידענע טעכנישע קאָמבינאַציעס, וואָס ווען אפילו זיי קאָנען קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן קומען זיי אָבער פון אַ געזונטן מקור — פון דעם אינערלעכן דראַנג צו פּראָגרעסירן — פון דעם באַוווסטזיין אַז „לא תהו בראה לשבת יצרה״, די ערד איז נישט באַשאַפן געוואָרן צו בלייבן וויסט, צו זיין באַזעצט האָט ער איר געפאָרמט (ישעיה מ״ה).

ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון״
קומט צו די יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

איבערזעצט פון רוסישן י. ביאַלסקי

## פון די לידער־תפילות פון מ. לערמאַנטאָוו

### אייביק געזונגענע פון פאָלק

אין אָנדענק פון דער באַליבטער זשעניאַ יאַנג (גורוויץ) ע״ה

### אין מאַמענט פון יאוש שווערן
### В минуту жизни трудную

אין מאָמענט פון יאוש שווערן
און טיף איינזינקען אין שוואַרץ,
אין אַ תפילה זאַט מיט טרערן
גיס איך אויס מיין ביטער האַרץ.

ווערטער, פון זיי טריפט אַ לעבן
צום צעבראָכענעם געמיט,
פרישע כוחות דאָרט אויפשוועבן
און אַ גלויבן — אויסגעגליט.

פאַלן ספיקות ווי די בלאַסטן
ווען אמונה׳ס ליכט שפרייט אויס —
און עס בײנקט זיך, און עס וויינט זיך
פון נחמה אין איר שויס.

### איך גיי אַרויס צום אויסגעפלאַסטערטן שליאַך *
### Выхожу один я на дорогу

איך גיי אַרויס צום אויסגעפלאַסטערט שליאַך פון שטיין,
אין טומאַן ווייט בלישטשעט דער שאָסיי.
שטיל די נאַכט — אַ מדבר־סוד מיט גאָט אַליין
און אַ שמועס פון שטערן — ווער קאָן זיי?

פייערליך־מעכטיק שפרייט זיך איצט דער הימל אויס,
עס שלאָפט די ערד אין שיינענדיקער בלוי.
וואָס־זשע ווייטיקט, פייניקט מיך אַזוי?
טוט מיר באַנג וואָס? וואַרט איך עפּעס בלוי?

ניין, איך וואַרט פון לעבן קיין הנאה,
ס׳טוט ניט באַנג פון עבר מיר קיין שפור.
איך זוך נאָר אַ פרייען ווינקל, רוהע,
כ׳וואָלט אויף אייביק איינשלאָפן שוין גאָר.

* דאָס ליד זאָל געזונגען ווערן אויף מיין קבר״, האָט געבעטן חיים גרינבערג ע״ה, דער באַרימטער אָראַטאָר און מנהיג פון די פועלי ציון. מ.ב.



נאָר ניט מיט דעם שלאָף פון קבר קאַלטן,
איינשלאָפן אויף אייביק — נאָר בתנאי,
אַז מיין ברוסט זאָל לעבנס־כוח אַנהאַלטן
און אָטמענדיק זאָל זי זיך הויבן פריי.

טאָג און נאַכט באַצויבערן זאָל מיין געהער
אַ זיס געזאַנג פון ליבע און לויב צו איר,
און אַ דעמב וואָס אייביק גרינט און פעסט און שווער
זאָל זיך וויגן, רוישן איבער מיר.

ש. י. דאַרפזאָן

## נאָטיצן וועגן יידישע ביכער

„טעאָדאָר הערצל, זיין לעבן און טעטיקייט״, פון יעקב צינעמאַן

ביאָגראַפיעס וועגן ד״ר טעאָדאָר הערצל זיינען פאַראַן אַ סך. אַ גרעסערע צאָל הערצל־פאָרשער זיינען פאַראינטריגירט געוואָרן מיט דער גרויסער פערזענלעכקייט פון דעם פריצייטיק פאַרשטאָרבענעם ציוניסטישן מנהיג און האָבן באַרייכערט די הערצל־ליטעראַטור מיט אַ שלל פון זייער ווערטפולע ווערק. די הערצל־פאָרשער: יוסף פרענקעל, ד״ר אַלעקסביין, יעקב צינעמאַן און אַנדערע האָבן, יעדער אויף זיין שטייגער, געגעבן אַ ווערטפולןביישטייער צו דער הערצל־ליטעראַטור, וואָס נעמען אַרום די פאַרשידענסטע פאָליטישע, ליטעראַרישע און בעיקר ציוניסטישע פאַזן פון הערצלס לעבן און שאַפן.

יעקב צינעמאַן האָט מיט זיין נייעסטן ביאָגראַפישן ווערק וועגן טעאָדאָר הערצלס לעבן און טעטיקייט, זיך באַמיט צו מאַכן אַן אָפנייג פון דעם טרוקענעם ביאָגראַפישן שרייב־נוסח, כדי דעם בוך צו געבן אַ ראָמאַניסטישע נאָטע, וואָס לייענט זיך מיט דעם אָטעם־פאַרכאַפנדיקן אינטערעס פון אַ שפּאַנענדיקן ראָמאַן.

איז דען אַ פעלער צו באַווירצן די טרוקענע ביאָגראַפישע כראָניק פון גרויסע פערזענלעכקייטן מיט אַ ליטעראַרישער נאָטע? איז טאַקע אַ חטא, ווען אַ שרייבער מיט טאַלאַנט, ווי דאָס איז בפירוש דער פאַל ביי יעקב צינעמאַן, צו באַ׳חנ׳ען טרוקענע כראָניק מיט אַ בעלעטריסטישן אַראָמאַט?

מיר זאָגן דאָס אין שייכות מיט דער ניט־פאַרגינערישער קריטיק וועגן זיין פאָליטישן קאַרל מאַרקס ראָמאַן, „אין רבינישן שאָטן״, וואָס האָט אויפגעצאָרנט געוויסע קריטיקער, באשר עס זיינען שוין דערשינען אַ ריי קאַרל מאַרקס ביאָגראַפיעס און קיין איינציקער פון די פריערדיקע מאַרקסיסטישע קריטיקער האָבן זיך ניט דערלויבט אויף אַזאַ ליטעראַרישן „חילול־השם״, ווי יעקב צינעמאַן.

אָבער דאָס איז, דרך־אגב.

„טעאָדאָר הערצל, זיין לעבן און טעטיקייט״ איז, ווי מיר האָבן שוין פריער באַמערקט, ניט בלויז אַ טרוקענע ביאָגראַפישע שילדערונג, נייערט אַ ווערק, וואָס איז באמת שפּעדיק אין אינהאַלט און נעמט אַרום אַלע, אָן אויסנאַם, פאַזן

פון ד״ר הערצלס גרויסע, שעפערישע טעטיקייטן און פּאָליטישע אויפטועך. דער רוב פון די פאַקטן, וואָס דער מחבר פון דעם בוך דערציילט, זיינען אוודאי ניט ניי און אַלעמען ווויל באַקאַנט. אָבער צינעמאַנס מזלדיקער אויפטו באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט די אַלע פאַזן פון ד״ר הערצלס לעבן איבערגעגעבן אין איין בוך, אויף איבער 500 גרויסע זייטן, פאַרטיילט אין קאַפּיטלעך און מיט איבער הונדערט אינטערעסאַנטע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס פון די פאַרשיי־דענסטע תקופות. עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז צינעמאַן האָט זיך פאַר־מאָסטן אונז צו געבן אַ ביאָגראַפיש־סטאַנדאַרט ווערק וועגן ד״ר הערצלס לעבן און טעטיקייט, וואָס האָט זיך אים איינגעגעבן.

יעקב צינעמאַן באַוואָרנט זיך אין זיין הקדמה צו דעם בוך מיט דער באַ־שיידענער באַמערקונג, אַז „זיין הערצל בוך איז נישט קיין יחיד במינו״. דאָס איז טאַקע אמת. אָבער אַז זיין ווערק איז דאָס איינציקע פון דעם מין אין יידישן, לשון, דאָס איז אַ פאַקט. די פריער דערמאָנטע הערצל־פאָרשער האָבן זייערע הערצל־ביאָגראַפיעס אַרויסגעגעבן אין דייטש, העברעאיש און אויף אַנדערע לשונות. אָבער אין יידיש זיינען ביז איצט דערשינען העכסטנס מאָנאָגראַפיעס וועגן הערצלען, אָבער נישט קיין פולשטענדיקע הערצל־ווערק. און דאָס איז געווען צינעמאַנס אויפטו.

ס׳איז געווען אַ גרויסע, אחריותדיקע אַרבעט, געקניפּט מיט ליבשאַפט און פּיעטעט צו דעם אַזוי יונג פאַרשניטענעם לעבן פון ד״ר הערצל, וועלכער האָט נישט זוכה געווען צו דערלעבן די פאַקטישע פאַרווירקליכונג פון זיין אידעע, די שאַפונג פון אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל.

„לאַכט אַ ייד אין ארץ־ישראל״, פון מ. נודעלמאַן

אַ באַזוך אין מדינת ישראל איז אַ זייער אַנגעלייגטע טעמע פאַר אַ יידישן שרייבער. דער דינאַמישער אויפבוי פונם לאַנד, וואָס ווערט פון די ישראלדיקע בירגער באַטראַכט נישט ווי אַ לאַסט, נייערט ווי אַ סימפאָניע פון אַרבעט און פאַטריאָטישן התלהבות, סטימולירט דעם שרייבער צו דערציילן זיינע איינ־דרוקן אין ביכער, אָדער אין די צייטונגען, וואָס ער האָט געזען און געהערט אין אונזער אַלט־נייעם לאַנד.

פאַר אַ יידישן הומאָריסט איז די ישראלדיקע אַטמאָספערע אַ באַזונדערע אָנרעגונג. ער באַקענט זיך אין דעם יידישן לאַנד מיט מענטשן, וועלכע ער האָט געקאָנט פון אונזערע אַמאָליקע, אויף אייביק פאַרשניטענע היימען אין די פּוילישע, ליטווישע און רומענישע שטעט און שטעטלעך. ער באַגעגנט דאָרט יידן, וואָס זיינען נישט בנמצא אין ניו־יאָרק אָדער אין לאָנדאָן. הקיצור: עס זיינען די זעלבע יידן פון דעם אַמאָליקן וואַרשע, לאָדז און ווילנע, וועמען דער שטורם האָט איבערגעפלאַנצט אין זייערע נייע ישראלדיקע היימען.

מ. נודעלמאַן, דער פיינער, סובטעלער הומאָריסט, וועמען די לעצטע היט־לערישע בהלה האָט אַרויסגעריסן פון זיין אַמאָליקער היים אין וואַרשע און אים פאַרוואָרפן קיין רוסלאַנד, שפּעטער צוריק קיין פּוילן, דאַן פאַריז, ביז ער איז סוף־כל־סוף מגולגל געוואָרן קיין ניו־יאָרק (ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבע־



טער אינם „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״, און רעדאַקטאָר פון דער הומאָריסטישער אָפּטיילונג „דער קרומער שפּיגל״) האָט, זייענדיק אויף אַ באַזוך אין ישראל, געזאַמלט אַן אוצר מיט מאַטעריאַל פאַר זיין נייעסטן בוך „לאַכט אַ ייד אין ארץ־ישראל״.

מ. נודעלמאַן איז נישט קיין פּאָליטיקער, נייערט אַ הומאָריסט, און אַלס אַזעלכער האָט ער געזען דעם טאָג־טעגלעכן „קרומען שפּיגל״ פון דער ישראל־דיקער ווירקלעכקייט. די 27 קאַפּיטלעך, וואָס זיינען אַריין אין דעם בוך (אויף 212 זייטן), זיינען אַ מין מאָנטאַזש פון באַגעגענישן, שמועסן, איינדרוקן און בילדער, וועלכע דער מחבר האָט אויפגעכאַפּט און ער סערווירט דאָס פאַרן לייענער מיט מלא־טעם און הומאָריסטישן חן. נודעלמאַן קריטיקירט נישט; ער רייסט קיינעם נישט אַרונטער. ער דערציילט וועגן אַלץ, עפּעס אַזוי גוטמו־טיק און שפּילעוודיק, ווי ער וואָלט געווען פאַרליבט אין דעם יידישן לאַנד ביז איבער די אויערן.

אויף זייט 189 אין דעם בוך, זאָגט דער מחבר אַזוי:

„ווייל איז צו אַ לאַנד, וווּ געלעכטער קאָן פאַראַדירן פראַנק און פריי, און מ׳דאַרף זיך נישט אומקוקן, צי אימיצער גייט נאָך פון הינטן און הערט זיך אונטער...

„וויי איז צו אַ לאַנד, וווּ מען וויל לאַכן און מ׳טאָר נישט, און מען מוז עס דערשטיקן אין זיך, און מ׳דאַרף עס באַהאַלטן ווי טריפהנע סחורה, ווי קאָנ־טראַבאַנדע״....

דאָס איז אַ משל מיט אַ נמשל וועגן מדינת ישראל.

דאָס לעבן איז שווער? טאָ מה־רעש! אָבער לאַכן פראַנק און פריי מעג מען? זאָגן אַ שטאַרקן וויץ אויפן חשבון פון דער רעגירונג קאָן מען און מ׳ווערט פאַר דעם חטא נישט באַשטראָפט, טאָ וואָס קאָן זיין שלעכט?

אַזוי איז דאָס לעבן אין דער יידישער מדינה. דאָס איז די סאַמע ווירקלעכקייט.

„לאַכט אַ ייד אין ארץ־ישראל״ איז, דאַכט זיך, דאָס ערשטע בוך פון דעם מין הומאָריסטישן זשאַנער, וואָס מ. נודעלמאַן האָט אונז מהנה געווען. ער באַשמייכלט דאָס לעבן אין יידישן לאַנד אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער. אפילו ווען דער יידישער בריוו־טרעגער, וואָס איז אַ מבין אויף אַ גוט יידיש בוך און אַ קינסטלערישן זשורנאַל, באַהאַלט די סחורה עטלעכע טעג, ביז ער האָט דאָס אַלץ איבערגעלייענט און שפּעטער טראָגט ער אָפּ דאָס געלייענטע צו דעם אַדרעסאַט, וכדומה, טאָ ווי קאָן מען בייז זיין אויף אַזאַ בריוו־טרעגער, אַ ליב־האָבער פון דער יידישער ליטעראַטור?

דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות גאַראַנטירט, אַז די מעשה איז נישט קיין אויסגעטראַכטע, חלילה. ווען איך בין מיט אַ יאָר צוריק געווען אין ישראל, האָט מען מיר אָנגעוויזן אויף אַזאַ יידישן בריוו־טרעגער, אַ גרויסער אוהב פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, וועלכער פאַרשלינגט מאַסנוויז די פון אויסלאַנד צוגעשיקטע יידישע ביכער און זשורנאַלן, איידער זיי קומען אָן צו

זיינע קליענטן, און ער זאָגט אין פאָראויס דעם אַדרעסאַט, אויב דאָס בוך אָדער דער זשורנאַל איז ווערט געלייענט צו ווערן...

מ. נודעלמאַנס בוך איז אַ פיינער, דאַנקבאַרערביישטייער צו די גרויסע צאָל דערשינענע ביכער וועגן מדינת ישראל.

---

## צוויי יונגע יידישע אַקטיאָרן

עס איז נישט דאָ די רייד איבער די חברים פונם גרופּע פונם גרענד פּאַליי טעאַטער, יעדער איינער אַ קינסטלער אויף זיין אופן. און ביי דעם געזעלשאַפט־טעאַטער לעבן און קולטורעלן ניוואָ פון אונזער ישוב באַווייזן זיי באמת וואונדער דאָ מיט זייער שפּילן יידיש טעאַטער וואָך איין וואָך אויס. עפּעס אַ זכות איז דעם לאָנדאָנער טעאַטער־גייער בייגעשטאַנען, אַז אַ חברה טאַלענטירטע אַקטיאָרן, נאָך פון די אַמאָליקע, זיינען דאָ ביי אונז געבליבן און זיינען זיך ממש מוסר־נפש כדי דאָס־אָ, וואָס זיי געבן דעם עולם, זאָל מעגלעך זיין אָן שום הילף פון וועלכע אינסטיטוציע, אָדער מענטשן. און דערצו ווערט יעדער סעזאָן באַזאָרגט מיט נייע סטאַרס פון ישראל, פון ביידע אַמעריקעס. אין דעם איצטיקן סעזאָן צענעמט ממש דעם עולם פון איין זייט חיהלע שיפער מיט אירע טראַגישע ראָלן און ישראל לידער, און מיט זייער טאַנצן און זינגען און קאָמישע ראָלן דאָס אַרגענטינער פּאָרל סימאָן נוסבוים און סאָניע לעמבערגער.

וואָסערע קינסטלערישע פּרעמיערעס וואָלטן געקענט אויפגעפירט ווערן פון אַזעלכע טאַלענטירטע אַקטיאָרן און אַן איינגעלעבטע טעאַטער גרופּע, ווען דער קולטור ניוואָ פון אונזער ישוב וואָלט געשטאַנען אויף אַ געהעריקער מדרגה. אָבער ווי געזאָגט, נישט פון דעם איז איצט די רייד דאָ.

עס ווילט זיך בלויז נאָטירן עפּעס גאָר וואונדערלעכעס: בשעת עס טומלט זיך דאָ, יאָר־איין יאָר־אויס, צי יידיש איז שוין טויט, צי עס גייט ערשט שטאַרבן, האָט זיך אונזער לאָנדאָנער אַקטיאָרן גרופּע פאַרמערט מיט צוויי טאַלענטירטע אַקטיאָרן, וואָס יעדע ראָלע שפּילן זיי מיט חן און גראַציע און זייער יידיש איז אַ געשמאַקער און זייער לידל און אַ טענצל איז יידישלעך און אָט־אָ די ביידע קינסטלערישע טאַלענטירטע אַקטיאָרן, בערנאַרד מענדעלאָוויטש און סיידי סקאָפּ זיינען ענגליש־געבוירענע און זייער אַנטוויקלונג האָבן זיי דורכגעמאַכט אין גרענד פּאַליי טעאַטער. און איצט באַשיינען זיי די בינע דאָ נישט נאָר מיט זייער שפּרודלדיקע לעבעדיקייט און יוגנט, נאָר אויך מיט יידישלעכן חן און טאַלענט.



סיידי סקאָפּ און בערנאַרד מעדעלאָוויטש



## די מצבה פון ס. פּאַלמע

מיר בעטן און מיר האָפן אויף דער צייט פון „ימחה דמעה מעל כל פנים און די חרפה פון פאָלק זאָל אָפּגעטון ווערן”. אין דער גאַנצער אַרבעט פון ס. פּאַלמען איז געווען דער גרונד־מאָטיוו. אַ לעבן לאַנג דאָ אָפּגעלעבט אין אונזער ישוב, אַ צעריסענער פון זיינע טאַלענטן, געשריבן מוזיק, געמאָלן בילדער, געשריבן פּאָעזיע, פּראָזע, געמאַכט סקולפּטור, געווען אַ טענצער און יאָרן־לאַנג געווען דער לערער אין דער וועלטלעכער שול ביים אַרבעטער־רינג. און פון דעם אַלעם געפירט אַ שווער מיזערנע לעבן. און נאָכן טויט אים אפילו קיין מצבה נישט געשטעלט.

איז די חרפה, לכל הפחות פון אונז דאָ אָפּגעטון געוואָרן. „פריינט פון יידיש לשון”, מיט דער הילף פון אַרבעטער־רינג האָבן די מצבה פאַרגאַנגענעם חודש אויפגעשטעלט אויפן פאַרלאָזענעם קבר פונם דיכטער ס. פּאַלמע.

זאָל דאָ אויסגעדריקט ווערן אַ דאַנק די מיטגלידער פון אונזער קאָמיטעט: י. ביעטש, מנשה ווייסגראַז, נעט רובין און מ. בעקערמאַן, וואָס אַ דאַנק זייער באַמיאונג איז עס אַדורכגעפירט געוואָרן.

## מעכעלע דער זעצער

פון די ערשטע זעצערס דאָ אין יידישן לאָנדאָן, אַ „פעל” פון רודאָלף ראָקער. פּרינץ קראָפּאָטקין פלעגט פריינטלעך שפּאַסן מיט אים: „מעכעלע ביזט גרויס”.

אַפילו אין יענע געטרייע יאָרן פון „אַרבעטער פריינט” און „פּראָגרעס” איז אַזאַ געטרייע און איבערגעגעבענע „האַנט” ווי מעכעלע געווען „קאַמעראַד־שאַפּטלעך” אָנזעעוודיק אַפילו און „גרויס”.

ווען מעכעלע איז אַלט געווען זעקס יאָר, איז ער שוין געשטאַנען אויפן בענקעלע און געזעצט אין יידישע צייטונגען און זשורנאַלן. נאָר אַזוי שטאַרבט מען דאָ, איינזאַם און פאַרלאָזן, קיין מנין פון קאָלעגן און גענאָסן נישט צומאָל ביי דער לויה, נאָך אַ לעבן אָפּאַרבעטן, עוסק זיין במלאכת הקודש.

## די בילדער־אויסשטעלונג אין ווייטשעפּל אַרט גאַלעריע

די יידישע בילדער־אויסשטעלונג צו דער „טערצענטענאַרי” איז נישט נאָר דאָס בעסטע וואָס איז געלייסטעט געוואָרן בנוגע דעם ענין פון די „פּייערונגען”, נאָר די בעסטע בילדער־אויסשטעלונג אין די לעצטע יאָרן דאָ אין דער ווייטשעפּל אַרט גאַלעריע.

עס איז אַ קווער־דורכשניט, אַן אַנטוויקלונג און אַ מיטגיין פון יידישע מאָלער מיט דער מאָלעריי אין אַלגעמיין — פון דער האָלענדישער שולע ביז די קוביסט־עקספּרעסיאָניסט קאָנסטרוקטיווע קונסט, איבער די ענגלישע פּרע־ראַפאַעליסטן און פראַנצויזישע עקספּרעסיאָניסטן. און אויב סימאָן סאָלאָמאָן איז, אַזוי צו זאָגן, דער באַדייטנדיקסטער פון די ערשטע עפּאָכעס, און דער

טראַגישסטער, איז, דער באַדייטנדיקסטער פון אונזער עפּאָכע, יעקב עפּשטיין מיט אַריינגערעכנטן, אונזער יאַנקל אַדלער. נישט לאַנג דאָ געלעבט מיט אונז האָט אַדלער און שווערע יאָרן מיטגעמאַכט און געלאָזן אַ גרויסן איינפלוס אויף דער ענגלישער מאָלעריי. און אינמיטן זיין אַרבעטן אינמיטן פון זיינע קרעפטיקסטע יאָר אַוועקגעריסן געוואָרן און נאָך היינט־צו־טאָג, זעקס יאָר נאָך זיין טויט נאָך קיין מצבה אויף זיין פאַרלאָזענעם קבר.

**ש.**

---

## ישראל אשענדארף ע״ה

ביי שליסן אונזער זשורנאַל איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז דער באַקאַנטער דיכטער, ישראל אַשענדאָרף, איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַג. די אבידה איז נאָך שרעקלעכער, ווייל דער נפטר איז אַוועקגעריסן געוואָרן אין מיטן פון זיינע בעסטע יאָרן פון שאַפן. כבוד זיין אָנדענקן.

---

## לאָנדאָנער קולטור ידיעות

יצחק עדיסאָן, דער מחבר פון „באַפרייאונג פון פוילן״, האָט געוויילט איניקע וואָכן אין לאָנדאָן און איז אויפגענומען געוואָרן דורך די פריינט פון יידיש לשון.

* * *

יעקב שמואל שקליאַרסקי, אויף זיין צוריקרייזע פון ישראל קיין ניו־יאָרק, איז באַגריסט געוואָרן ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס.

* * *

אין אַדלער האָל איז געמאַכט געוואָרן אַ הזכרה נאָך ד״ר אהרן סינגאַלאָווסקי. ס׳האָבן גערעדט ליידי הענריקעס, פרוי ד״ר מאָהשאָוויטש און קאַמיל האַניק. די הזכרה האָט געמאַכט חזן שמואל ראָטה. איינגעאָרדענט פון לשון און לעבן.

„דער משפט״, אַ דראַמע פון י. האָניק, ווערט אויפגעפירט פון מאָריס שוואַרץ אין זיד־אַמעריקע.

* * *

ד״ר לעאָ בעק איז געשטאָרבן אין יידישן שפּיטאָל אין לאָנדאָן.

* * *

מ. מינדעל האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג ביי פריינט פון יידיש לשון, איבער ד״ר משה גאַסטער. ס׳איז הונדערט יאָר פון זיין געבוירן.

* * *

צום דערשיינען פון רודאָלף ראָקער׳ס בוך „די לאָנדאָנער יאָרן״, האָט די גרופּע „פרייע אַרבעטער־שטימע״ געמאַכט אַ באַנקעט. געפירט דעם פאָרזיץ האָט סעם דרין.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סט., לאָנדאָן, א.1. 3 אַזייגער

שבת, דעם 24־טן נאָוועמבער — הזכרה נאָך דעם דיכטער ישראל אַשענדאָרף.
עס וועלן רעדן י. א. ליסקי און יעקב באַרד.

שבת, דעם 1־טן דעצעמבער — חנוכה פייערונג. רעציטירן: י. ביעטש, נעט רובין, א. בלום און ר. היישעריק.

שבת, דעם 8־טן: מ. מינדעל: דער יידישער אַרבעטער־רינג אין לאָנדאָן.

שבת דעם 15־טן — סעם לעוו און עלי זילבערג.

שבת דעם 22־טן — י. ביעטש וועט לייענען זיינע אַ נייע דערציילונג.

שבת דעם 29־טן — סך־הכל 1956.

## קולטור ידיעות (המשך)

ביי די פרענדלי סאָסייטי אָוונטן, וואו פריינט פון יידיש לשון באַטייליקן זיך אָפט, האָט משה דאָמב פאָרגעלייענט זיין לעצטע דערציילונג.

* * *

יוסף לעפּטשיטש איז אויף אַ לעקציע־טור אין דרום־אַפריקע.

* * *

לעאָ פוקס און רבקהלע ריטשמאַן, בעת זייער צוריקרייזע פון ישראל, זיינען איצט אין לאָנדאָן. לויט ווי מען פאַרשטייט וועלן זיי מסתמא דאָ געבן איניקע פאָרשטעלונגען.

יעקב האָדעס האָט געהאַלטן אַ פאָרטראַג ביי פריינט פון יידיש לשון איבער ישראל זאַנגוויל.

* * *

רבי פעלדמאַן, מטיף און מגיד פון מזרחי, איז נאָך לאַנגע ליידן נפטר געוואָרן אין יידישן שפּיטאָל אין לאָנדאָן.

* * *

פריינט פון יידיש לשון וועסט ענד בראַנטש, האָט איינגעאָרדענט אַן אָוונט צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג פון מאָריס ווינטשעווסקי. ס׳האָבן גערעדט אהרן ראָלין, בן־א. סאָכאַטשעווסקי, קרעדיטאָר, שטענצל. פאָרזיץ: חבר ביילי.

* * *

צום דריי־הונדערטסטן נומער פון לשון און לעבן, איז איינגעאָרדענט געוואָרן אַ פייערלעכער באַנקעט. אין קינסטלערישן טייל האָבן זיך באַטייליקט סידני מען מיט קאָמפּאָזיציעס פון בלאָך, און ליפשיץ האָט געשפּילט יידישע פאָלקס לידער.

* * *

דער באַקאַנטער אַקטיאָר יודל גאָלדבערג האָט דעקלאַמירט פון פרצעס „גאָלדענע קייט״ ביי „פריינט פון יידיש לשון״.

י. ל. קרעדיטאָר הייבט אָן צו געבן אַ סעריע לעקציעס ביי „פריינט פון יידיש לשון״, וועסט ענד בראַנטש, יעדן דאָנערשטיק, 8 אַזייגער, אין דיען סטריט שול, 21 דיען סטריט, וו.1.

* * *

אין יידישן טעאַטער גרענד פּאַלײ האָט מען לעצטנס אויפגעפירט אָסטראָווסקיס „קאָבאָרעט ראָמאַנס״, ווו די גאַנצע קאָמפּאַניע, מיט די ישראל־סטאַר חיהלע שיפער און די אַרגענטינער סטאָרס, סאָניע לעמבערגער און סימאָן נוסבוים האָבן זיך באַטייליקט. זייער פיין שפּילן איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס באַגייסטערונג.

* * *

ביים פאָלקס־ליד־„פעסטיוואַל״ אין סאַוט־ענד האָט פרוי בעלאָווים געוואונען דעם ערשטן פרייז זינגענדיק „אויפן פריפּעטשיק״. בעלאָווים פירט אָן מיט אַ כאָר וואָס זינגען העברעאישע און יידישע לידער אַראַנזשירט פון פרוי לילי נאַראָד. אין זייער לעצטן גרויסן קאָנצערט האָבן זיך אויך באַטייליקט חנה מעצגער און דוד קאָסאָוו.

* * *

דער שרייבער מענדל מאָזעס פון ישראל איז געקומען אויף אַ באַזוך קיין לאָנדאָן.

* * *

א. מ. קייזער און זיין פרוי זיינען צוריקגעקומען פון זייער באַזוך אין ישראל.

* * *

אין דער דיסקוסיע: „ווי האַלט עס מיט יידיש״, איינגעאָרדנט פון אַרבעטער־רינג אין אַדלער האָל פאַרגאַנגענעם חודש האָבן זיך באַטייליקט: זילבערבערג, זאָנטאַג, וואַטערמאַן, פּאָדאָלסקי און שטענצל. דעם פאָרזיץ האָט געפירט פרידלענדער.

* * *

אונזער טיפן מיטלייד מיט דער פאַמיליע גרינבערגס, דעם בעל הבית פון יידישן טעאַטער, צום טויט פון זייער מוטער און שוויגער, באָבע און עלטער־באָבע.

„פריינט פון יידיש לשון״.

## וויכטיק נייעס פאר ליבהאבער פון דער יידישער ליטעראטור

אין פערלאַג „לשון און לעבן״ קען מען איצט באַקומען אַלע ביכער פון די פערלאַגן „ליקא״ און „מתנות״, ניו יאָרק. יעדער ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור וואָס וויל זיך איינשאַפן די לעצטע דערשיינונגען, זאָל זיך ווענדן מיט באַשטעלונגען און אָנפראַגן וועגן גינסטיקע באַדינגונגען צום סעקרעטאַר:

M. BECKERMAN, 10 ENNISMORE AVENUE, LONDON, W.4

190

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 1 (העפט 304) — אַכצנטער יאָרגאַנג — יאַנואַר 1957 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

אַ מוציא לעז אויף יידיש, „מי כעמך ישראל גוי אחד...", דאָס אָפּגעטוישטע רענדל — •• 1
דער שמייכל . . . (דערציילונג) — י. ביעטש 4
דער שניידער בערנהאָלץ (זכרונות־סקיצע) — מ. אַלמאַן 10
מיניאַטורן — ש. טענענבוים 12
ישראל־ און ירושלים לידער — א. נ. שטענצל 13
אַ שטוב (ליד) — שמואל חהייט 18
פאַקסימיליע פון אַ חידמונג — ד. שמעונאָביץ 19
דוד שמעונוביץ (צו די שלישים נאָך זיין פטירה) — שלמה אויערבאַך 20
ישראל אַשענדאָרף אין דער דיכטונג און אין לעבן — י. א. ליסקי 23
נייע יידישע ביכער (רעצענזיע) — ש. י. דאַרפזאָן 28
די דעפיניציע פון פּאָליטיק (עסיי) — י. ל. פיין 30
פאָרן דיכטער (ליד) — עללאַ זילבערג 34
דוד איינהאָרענען צו זיין 70־סטן געבוירנטאָג און יעקב גלאַטשטיין צו זיין 60־סטן — ש. 35
דוד איינהאָרן (פּאַטאָ) 35
יעקב גלאַטשטיין (פּאַטאָ) 37
צום 300־סטן געבוירן טאָג פון עדמונד האָל (עסיי) — ל. רעזניק 39
קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס, קולטור ידיעות 40

## פרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*

---

פ ר יי נ ט  פ ו ן  י י ד י ש  ל ש ו ן
אין אדלער האָל, דינסטיק, דעם 18־טן דעצעמבער, 7.30
80 י א ר  י י ד י ש  ט ע א ט ע ר

ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן

| | |
|---|---|
| „ווייטשעפל לעבט" (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) | 10/- |
| „שיידוועגן", אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש | 10/- |
| „ווידערוווקס", אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל | 12/6 |
| „טעאַטער־קאַראַוואַנען", פון ש. י. האַרענדאָרף | 15/6 |
| „פּאָמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט", שמואל חהייט | 7/6 |
| יובל־אַלמאַנאַך | 15/- |

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אדרעס פון :
LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

„פריינט פון יידיש לשון" אין מערדל סטריט קאונטי קאונסיל סקול, א.1
מאנטיק, דעם 3־טן דעצעמבער, 7.30
צום אפשלוס פון די טערצענטענערי־פייערונגען
די לאָנדאָנער פראָזאאיקער וועלן לייענען י. א. ליסקי, י. ביעטש, רחל מירסקי און משה דאָמב. איינטריט פריי.

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.
*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*
IMPORT - - EXPORT
518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַ־מענט אָפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.